# פרשת תצוה ט׳ - ט"ו אדר תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת תצוה***

אחר תפלת שחרית התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **משה יונתן גרינצוויג** הי"ו.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של החתן **יעקב מנחם** ני"ו, בן הרה"ג רבי **אברהם יחזקאל שרגא הלברשטאם** שליט"א רב דבית המדרש בית שלמה (וומסב"ג), עב"ג בת הרה"ג רבי **אברהם יקותיאל שווייצער** שליט"א, שהתקיים באולם תפארת מרדכי.

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן ר"ה סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**די** פאריגע וואך אין די פרשה איז געווען די מצוה פון ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם (שמות כה-ח). אין פרשת תרומה איז אויסגערעכנט די סדר ווי אזוי מען האט געדארפט מאכן די משכן. די ערשטע זאך דארף מען מאכן די ארון, שלחן, מנורה, נאכדעם די יריעות, און נאכדעם די קרשים. אין פרשת כי תשא (לא-ז), וואו עס איז איבערגע'חזר'ט נאכאמאל די ענין פון עשיית המשכן, דארט הייבט ער אן, את אהל מועד, קודם זאל מען אויפשטעלן דעם אהל מועד, און נאכדעם די ארון מיט די שלחן, און אזוי ווייטער. אין די גמרא (ברכות נה.) שטייט, אז משה און בצלאל האבן געהאט צווישן זיך א סכסוך. משה רבינו האט אים געזאגט, ער זאל עס מאכן אזוי ווי עס שטייט אין פרשת תרומה, קודם דעם ארון, און אזוי ווייטער. און בצלאל האט געזאגט, מנהגו של עולם איז נישט אזוי, קודם דארף מען מאכן א בית, און נאכדעם מאכט מען די כלים. אז איך וועל מאכן די כלים, וואו וועל איך עס אריינטראגן. אפשר האט דער אייבערשטער געזאגט, מען זאל מאכן קודם די משכן, און נאכדעם די כלים. האט אים משה רבינו געזאגט, יא, דו ביסט גערעכט, שמא בצל א-ל היית.

**און** מען דארף פארשטיין, עס איז דאך טאקע דא א סתירה. אין פרשת תרומה האט דער אייבערשטער געזאגט, קודם זאל מען מאכן די ארון, און נאכדעם די משכן. און אין פרשת כי תשא שטייט קודם די אוהל מועד, און נאכדעם זאל מען מאכן די כלים. און משה רבינו האט איבערגעזאגט פאר בצלאל אזוי ווי עס שטייט אין פרשת תרומה, און בצלאל האט אים געזאגט אפשר דארף מען טון אזוי ווי עס שטייט אין פרשת כי תשא. פארוואס איז געשעהן א שינוי צווישן די צוויי פרשיות.

**נאכדעם** איז דא נאך א דיוק. דער אייבערשטער האט געזאגט מען זאל מאכן דעם ארון, ונועדתי לך שם, ודברתי אתך מעל הכפורת (שמות כה-כב), ווען איך וועל רעדן צו דיר, וועל איך רעדן צו דיר פונעם כפורת. זאגט רש"י, אז עס איז שני כתובים המכחישין זה את זה. דא שטייט אז דער אייבערשטער רעדט פונעם כפורת, און אנפאנג פרשת ויקרא זאגט דער פסוק (ויקרא א-א), וידבר ה' אליו מאהל מועד, אז דער אייבערשטער האט גערעדט פונעם אויסנווענדיגסטע חלק, פונעם אוהל מועד. און רש"י זאגט, בא הכתוב השלישי והכריע ביניהם, דער קול איז אראפגעקומען אויפן ארון, און פונעם ארון איז עס ארויסגעקומען, און משה רבינו האט עס געהערט פון אינדרויסן. על כל פנים עס איז דא א סתירה פון צוויי פסוקים. אין פרשת תרומה שטייט ונועדתי לך שם, און אין פרשת ויקרא שטייט, אז דער אייבערשטער האט גערעדט פונעם אהל מועד.

**עס** קען זיין אז דער חילוק צווישן די צוויי ענינים איז. עס שטייט אין רש"י (שמות לא-יח), אין מוקדם ומאוחר בתורה (פסחים ו.), עס איז נישט אויסגעשטעלט לויט דעם סדר, די פרשה פון תרומה איז געזאגט געווארן נאכן חטא העגל. נאכן עגל האט דער אייבערשטער מפייס געווען יודען, אלה פקודי המשכן משכן העדות, עס איז א עדות שהשכינה שורה בישראל, דער באשעפער האט מוחל געווען דעם חטא. פון **זוהר הק'** (פ' ויקהל) ברענגט מען צו, אז פרשת תרומה האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו אין הימל נאך פארן חטא העגל. ווען ער איז ארויפגעגאנגן מקבל זיין די תורה, נאך פרשת יתרו און משפטים, האט אים דער אייבערשטער געזאגט, מען דארף מאכן א משכן. אינמיטן האבן יודען געזינדיגט מיטן עגל, האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו, לך רד, גיי אראפ, כי שחת

עמך (שמות לב-ז). משה רבינו איז אראפגעקומען, און ער האט געזען אז מען האט געמאכט דעם עגל, האט ער שוין נישט איבערגעגעבן פאר די יודען די פרשה פון בויען א משכן. ווי אזוי קען מען מאכן א משכן, ווען מען איז עובדי עבודה זרה. ווילאנג דער אייבערשטער איז זיך נישט מפייס, וועט דער אייבערשטער נישט אראפקומען דא אונטען, האט ער נישט איבערגעגעבן די פרשה. ער האט געווארט צוויי מאל פערציג טאג וואס ער איז ארויפגעגאנגען נאכאמאל אין הימל, ער איז אראפגעקומען נאך יום כיפור, מען האט מוחל געווען די עונות, דעמאלטס האט ער מצווה געווען אז מען זאל מאכן דעם משכן. קומט אויס אז עס איז כסדרן. פרשת תרומה האט דער אייבערשטער געזאגט פאר משה רבינו אויבן אין הימל פארן חטא העגל, און די פרשה פון כי תשא האט דער אייבערשטער געזאגט נאכן חטא העגל, און דאס האט משה רבינו איבערגעגעבן פאר יודען.

**אז** פרשת תרומה איז נאך פארן חטא העגל, און פרשת כי תשא איז נאכן חטא העגל, איז געשען א גרויסער חילוק אינעם ארון. די ערשטע לוחות זענען דאך געווען מעשה אלקים, און כתובים באצבע אלקים (שמות לא-יח), עס איז נישט געווען קיין גשמיות, עס איז געווען אלעס פון הימל. א הימל'ישע זאך, געשריבן א הימל'ישע לוחות. און דאס האט מען געדארפט אריינלייגן אינעווייניג אינעם ארון. אבער נאך דעם חטא העגל איז דאך משה רבינו אראפגעקומען און ער האט צובראכן די לוחות, און דער אייבערשטער האט אים געזאגט (שם לד-א) פסל לך שתי לוחות אבנים כראשונים, האט דאך משה רבינו ארויפגענומען גשמיות'דיגע שטיינער מיט זיך, און אויף דעם האט מען געשריבן, איז דאך דאס א אנדערע סארט לוחות פון דעם וואס איז געווען פריער. די ערשטע לוחות איז געווען הויל קדושה, הימל'יש, און די צווייטע איז שוין געווען ווי די אנדערע כלים. עס איז טאקע געווען כתובים באצבע אלקים, אבער א גשמיות'דיגער לוח, אזוי ווי אלע אנדערע גשמיות'דיגע זאכן.

**לויט** דעם קען זיין, אז בשעת דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו צו מאכן דעם ארון, איז דאך געווען דער חשבון אז מען גייט אריינלייגן דערין די לוחות וואס איז כתובים באצבע אלקים, און עס איז מעשה אלקים, אלעס איז דעם אייבערשטענ'ס. האט דער ארון געהאט א געוואלדיגע חשיבות מער ווי דער משכן, ווייל דא גייט ליגן די איינציגסטע הימל'ישע זאך וואס גייט זיין אין דעם משכן, די לוחות. האט דער אייבערשטער מקדים געווען, ועשו ארון עצי שטים, און דארט גייט מען ארייליגן די לוחות, און דאס איז פאר אלעם, ווייל דאס איז אזא קדושה וואס וועט זיין אין דעם ארון, וואס דער גאנצער משכן קומט נישט צו דערצו, ווייל אלעס איז דאך נאר עניני גשמיים. האט דער אייבערשטער קודם מקדים געווען דעם ארון. אבער אזוי ווי מען האט דאך געזינדיגט מיטן עגל, האט מען דאך צובראכן די לוחות, איז דאך יעצט אריינגעקומען אנדערע סארט לוחות, און די לוחות זענען שוין גשמיות'דיגע לוחות, האט שוין דער ארון נישט דעם גרעסטען חשיבות מער ווי די איבעריגע חלקים פונעם משכן. גייט מען צוריק אז מען דארף קודם האבן א משכן, און נאכדעם גייט מען מאכן די כלים. - משה רבינו האט איבערגעגעבן אזוי ווי ער האט באקומען אין פרשת תרומה. און בצלאל האט אים מעורר געווען, אז עס איז אפשר געטוישט געווארן מיטן צווייטן דיבור פונעם אייבערשטער, ווייל עס איז שוין נישט דא די זעלבע לוחות וואס איז געווען פאר דעם.

**אויב** אזוי קומט דאך יעצט אויס, אז פרשת תרומה איז געגעבן געווארן פארן חטא העגל. די גמרא (עבודה זרה ה.) זאגט דאך, אז בשעת יודען האבן מקבל געווען די תורה, איז פסקה זוהמתן. אני אמרתי אלקים אתם (תהלים פב-ו), מיר זענען געווען אזוי ווי מלאכים. נאר אזוי ווי מען האט געזינדיגט, אכן כאדם תמותון, האט מען פארלוירן די חשיבות. אבער פאר דעם זענען מיר געווען אזוי ווי מלאכים. אויב אונז וואלט מיר געבליבן אין די זעלבע מדריגה ווי מיר זענען געווען ביי מתן תורה, וואלטן מיר נאך אלע געווען ווי מלאכים, און א מלאך קען אריינקומען אין קדשי קדשים. וכל אדם לא יהיה באהל מועד, אבער א מלאך קען אריינקומען דארטן. מלאכים דרייען זיך נעבן דעם אייבערשטען אין הימל אויך, נאר א אדם קען נישט צוקומען. ווען דער אייבערשטער האט געגעבן די פרשה פאר משה רבינו, וואס דאס איז געווען קודם חטא העגל, האט דער אייבערשטער געזאגט, ונועדתי לך שם ודברתי אתך, איך גיי רעדן מיט דיר פונעם קדשי קדשים, ווייל דו קענסט אריינקומען אינעם קדשי קדשים.

מען האט נישט געזינדיגט, אני אמרתי אלקים אתם, איך דארף נישט רעדן פון אינדרויסן. אבער ווען עס איז געקומען למעשה, מען האט געזינדיגט מיטן חטא העגל, איז דאך פארלוירן געווארן דעם אני אמרתי אלקים אתם, איז מען דאך שוין אזוי ווי פשוט'ע מענטשן, קען דאך משה רבינו נישט אריינקומען אינעווייניג אין קדשי קדשים, ווייל א אדם קען אויך נישט זיין דארט, האט אויסגעפעלט וידבר ה' אליו מאהל מועד. דער דיבור איז טאקע אראפגעקומען אין קדשי קדשים, אבער דער אייבערשטער האט גערעדט צו משה רבינו אינדרויסן.

**רש"י** (ויקרא א-א) זאגט, וידבר ה' אליו מאהל מועד, צא ואמור להם דברי כבושים, זאג זיי מוסר ווערטער, בשבילכם הוא נדבר עמי, וועגן ענק רעדט דער אייבערשטער מיט מיר. דאס איז דברי כבושים? עס איז נישט דברי כבושים, עס איז זייער שיינע בא'טעמ'טע ווערטער, אז אין זכות פון יודען רעדט דער אייבערשטער צו משה רבינו. און פארוואס האט מען זיך דערמאנט דא צו זאגן דברי כבושים? דא איז די ערשטע מאל וואס דער אייבערשטער רעדט צו משה רבינו? ער האט גערעדט צו אים ביים סנה, ער האט גערעדט צו אים אין מצרים, ער האט גערעדט ביי מתן תורה, פארוואס האט ער נישט געזאגט איבעראל, בשבילכם הוא נדבר עמי. פונקט דא האט ער געזאגט בשבילכם הוא נדבר עמי.

**דער** פשט איז אזוי, משה רבינו האט זיי מוסר געזאגט, ארגינעל האט מיר דער אייבערשטער געזאגט ונועדתי לך שם, איך וועל אריינגיין און איך וועל דארט רעדן מיט דיר, נישט אינעם אהל מועד. פארוואס רעדט ער יעצט צו מיר פונעם אהל מועד, ווייל מען האט געזינדיגט, איז מען צוריק געווארן אדם, קען מען נישט אריינגיין אינעווייניג. איז צא ואמור להם דברי כבושים, בשבילכם הוא נדבר עמי, דאס וואס ער האט גערעדט מיט מיר יעצט דא אינדרויסן פון אהל מועד, דאס איז בשבילכם. ווען נישט ענק, וואלט איך געקענט אריינגיין אינעווייניג, ווי עס איז געווען ארגינעל דער פלאן פון ונועדתי לך שם ודברתי אתך. נאר אזוי ווי מען האט געזינדיגט, רעדט דער אייבערשטער נאר פון אהל מועד און נישט פון אינעווייניג.

*

***יום שני פרשת תצוה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **חיים יקותיאל לעבאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהושע שלמה גרינפעלד** הי"ו, שהתקיים באולם אנשי ספרד.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן ש"ב הר"ר **יהודה ווערבער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יונתן בנימין מיללער** הי"ו, שהתקיים באולם סעוויל מענאר.

*

***יום שלישי פרשת תצוה***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לפלעטבוש לניחום אבלים אצל הר"ר **שמואל שווארץ** הי"ו (אנטווערפען), שישב שבעה על פטירת אביו הר"ר **שלום הערש שווארץ** ע"ה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **ברוך אברהם** נ"ו, בן מחותנו הרה"ג רבי **יהושע העשיל הײלפרין** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד ראדומישלא ב"פ שליט"א, וחתן כ"ק האדמו"ר מדעעש וומסב"ג שליט"א), עב"ג בת הרה"ג רבי **חיים ברוך אייזיקאוויטש** שליט"א, שהתקיים באולם קאנטינענטאל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי, והשתתף אצל המסיבה לטובת הבית חינוך לבנות בנות חנה וויען, שהתקיים באולם באבוב, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**עס** איז ביי מיר א כבוד צו באגריסן די חשובע עלטערן וואס זענען זיך צוזאמגעקומען ארוסצוהעלפן מחזיק צו זיין די מיידל שולע דא אין מאנסי. עס איז א געוואלדיגער זכות, ווען מען רעדט פון א יונגע מוסד, וואס הייבט אן צו וואקסן, און מען דארף עס אויפבויען, מען דארף אהערשטעלן פאר

די קינדער וואס מען דארף צו האבן, האט מען א געוואלדיגער זכות, נישט נאר אויף דעם וואס דער מוסד פירט זיך יעצט, נאר פאר אויפשטעלן א פרישן מוסד פאר כלל ישראל, מען זאל קענען אויפשטעלן שיינע יודישע שטובער.

**מען** שטייט פאר דעם יום טוב פון פורים, אויסער דעם נס פון פורים, ווייסט מען דאך אז עס איז געווען א טאג פון מתן תורה, הדר קבלוה בימי אחשורוש (שבת פח.), בימי אחשורוש האט מען נאכאמאל מקבל געווען די תורה מתוך שמחה. קבלת התורה איז געווען בכפיה, און יעצט האט מען עס מקבל געווען בשמחה. ביי קבלת התורה געפונט מען אז דער אייבערשטער האט מקדים געווען די נשים פאר די אנשים, דער אייבערשטער האט געזאגט פאר משה רבינו (שמות יט-ג), כה תאמר לבית יעקב ותגיד לבני ישראל, כה תאמר לבית יעקב אלו הנשים, ותגיד לבני ישראל אלו הזכרים. ווען דער אייבערשטער וויל געבן די תורה פאר יודען, אויב מען האט נישט קיין יודישע מאמעס וואס זענען גרייט צו נעמען אויף זיך דעם עול תורה, קען מען נישט האבן קיין יודישן פאלק. די מאמעס זענען די וואס טוען אויפשטעלן דאס יודישקייט. זיי זענען מחנך די קינדער, זיי זענען אין שטוב מיט די קינדער שטענדיג, און זיי זענען די וואס זענען נושא בעול כדי אז מען זאל קענען ערציען אונזערע קינדער. כה תאמר לבית יעקב אלו הנשים, קודם רעד צו די נשים. אויב די נשים זענען נישט גרייט מקבל צו זיין, האסטו נישט וואס צו רעדן צו די בני ישראל. - צוצוהעלפן פאר א מוסד וואס טוט מחנך צו זיין יודישע טעכטער, וואס זאלן קענען נאכדעם זיין ערליכע יודישע מאמעס, אויפשטעלן ערליכע שטובער, איז א געוואלדיגער זכות. און וואויל איז דעם וואס העלפט צו דערצו, וואו מען האט פריער גערעדט.

*

**איך** וועל זאגן א ווארט, וואס איז נוגע צום ענין פון פורים, און עס איז נוגע צו אונזער מסיבה. עס שטייט אין די מגילה (אסתר ט-יט), על כן היהודים הפרזים היושבים בערי הפרזות עושים את יום ארבעה עשר לחודש אדר 'שמחה ומשתה', אז עס זאל זיין טעג פון שמחה, און טעג פון א מאלצייט, א סעודה. שפעטער (ט-כב) שטייט, אז מרדכי האט געשריבן פאר אלע געגנטער מען זאל נעמען אויף זיך אלע יארן פון יעצט און ווייטער, אז מען זאל מאכן ימי 'משתה ושמחה', קודם משתה און נאכדעם שמחה. ווען די יהודים הפרזים האבן גענומען אויף זיך, פון אנהייב פאר מרדכי, צו מאכן די טעג פון פורים, שטייט אין פסוק אז זיי האבן גענומען אויף זיך א שמחה און א משתה. און מרדכי האט געשריבן, אז מען זאל מקיים זיין א משתה מיט שמחה.

**עס** איז דא א שיין ווארט אין **אהל יעקב** (פרשת ראה), זאגט דער **דובנער מגיד**, ווען א מענטש מאכט א שמחה, און ער מאכט א סעודה דערצו, איז דא צוויי ערליי חלקים דערין. למשל, ווען א מענטש מאכט חתונה א קינד, ער האט א געוואלדיגע שמחה, עס שטעלט זיך אויף א נייע שטוב, עס איז ביי אים א געוואלדיגע שמחה. אן די מאלצייט ארום און ארום, איז עס פאר אים א שמחה. פארוואס מאכט ער א סעודה? ווייל די שמחה איז ביי אים אזוי גרויס, און ער וויל זיך פרייען מיט אנדערע צוזאמען, מאכט ער א משתה, כדי ארויסצוברענגען זיין שמחה וואס ער האט. דער וואס קומט צו די חתונה, דער האט דאך נישט אזא גרויסע שמחה, עס איז דאך נישט זיין שמחה, ער איז נאר געקומען דא אנוואונטשן מזל טוב פאר דעם בעל שמחה. וואס ברענגט אים דערצו אז דער גאסט נעמט זיך צו טאנצן ביי דער חתונה. מען שטעלט אים צו קודם א גוטע משתה, א גוטע סעודה, ער האט געגעסן, געטרונקן, ער איז געווארן גוט אויפגעלייגט, נאכדעם ווען ער איז גוט אויפגעלייגט, נעמט ער זיך צו דער שמחה. קומט אויס ביי דעם בעל שמחה אליין, איז געווען קודם שמחה, און נאכדעם האט עס אים געברענגט די משתה. דער גאסט וואס קומט, ביי אים איז קודם דער משתה, און דער משתה ברענגט אים אז ער זאל האבן די שמחה.

**זאגט** דער דובנער מגיד, די יודען וואס זענען געווען בשעת דער נס, עס האט פאסירט אזא געוואלדיגער נס, מען האט גוזר געווען להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, און פון איין מינוט אויף דעם אנדערן, ונהפוך הוא, פונקט פארקערט, אשר ישלטו היהודים המה בשונאיהם, מען קען הרג'נען די אויבים, די שמחה איז געווען געוואלדיג גרויס. נאכדעם וואס עס איז געווען א געוואלדיגע שמחה אז זיי זענען ניצול געווארן ממות לחיים, האבן זיי געמאכט א

משתה. מען האט זיך אראפגעזעצט פרייען, מאכן א משתה אויפן שמחה וואס איז געווען. וועגן דעם זאגט דער פסוק, אז די יהודים הפרזים האבן געמאכט דעם יום ארבעה עשר יום שמחה ומשתה, עס איז געווען קודם א שמחה, און די שמחה האט ארויסגעברענגט צו מאכן נאכדעם א משתה.

**ווען** מרדכי הצדיק האט געוואלט ארויפלייגן דעם יום טוב פון פורים אויף כלל ישראל, איז דען יעדער מענטש אין אזא מדריגה, אז ווען עס קומט פורים איז ער אזוי פריילך אז ער זאל מאכן א משתה?! עס איז פארקערט, ער זעצט זיך אראפ צו א סעודה, ער מאכט א משתה, ער הייבט אן צו טרינקן אביסל, ער ווערט גוט אויפגעלייגט, די משתה ברענגט אים צו א שמחה. וועגן דעם האט מרדכי געשריבן לקיים עליהם את ימי הפורים האלה, מען זאל מקיים זיין די טעג פון פורים, לעשות אותם ימי משתה ושמחה, אנהייבן מיט א משתה, און דער משתה וועט צוברענגען צו שמחה.

**דער** קשר צו אונזער מסיבה דא איז. די מסיבה איז אביסל אנדערש. געווענליך ווען מען מאכט דינערס, איז דער סדר אז מען רופט צוזאם דעם עולם, כדי מען זאל זיך משתתף זיין אין דעם צוועק פארוואס עס ווערט געווידמעט. כדי מען זאל קענען ארויסנעמען ביי יענעם א נדבה, מוז מען קודם יענעם געבן א משתה, און פון די משתה ווערט ער אביסל אויפגעלייגט, ער ווערט ווייכער וכדומה, און נאכדעם גיט ער זיין נדבה וואס מען דארף האבן. די משתה הייבט זיך אן קודם, און נאכדעם קומט די שמחה. ביי אונזער מסיבה איז פארקערט, ביי אונז איז קודם די שמחה, און נאכדעם די משתה. יודען האבן זיך אנגעשטרענגט און געגומען אויף זיך אז זיי ווילן טון א דבר טוב, זיי ווילן צוהעלפן פאר א מוסד התורה, אז עס זאל קענען בליען. עס איז קודם געווען ביי זיי א שמחה ארויסצוהעלפן פארן מוסד, און די משתה איז א משתה אויף די שמחה.

**פארוואס** רוף איך דאס אן אז עס איז א שמחה. געבן געלט איז נישט אזא גרויסע שמחה פאר א מענטש. פארוואס זאגט מען, אז עס איז געווען א שמחה. די תורה זאגט ביי צדקה (דברים טו-י), נתן תתן לו ולא ירע לבבך בתתך לו, עס איז גרינג צו זאגען געב, און עס זאל דיר נישט ווי' טון דיין הארץ ווען דו געבסט, עס טוט יא ווי' דאס הארץ. ער האט זיך געפלאגט, און ער גיט עס אוועק פאר א צווייטן. עס קומט נישט אן אזוי גרינג צו געבן צדקה, אז נישט וואלט נישט געווען דער שכר אזוי גרויס. דער אמת איז אבער, אז עס איז טאקע שווער פאר א מענטש צו געבן צדקה ווען מען קומט ביי איים בעטן, אבער נאכדעם וואס ער האט געגעבן די צדקה, איז ביי אים זייער חשוב דאס וואס ער האט אוועקגעגעבן געלט פאר צדקה, און ער וועט נישט אוועקגעבן דעם זכות פאר קיין שום געלט.

**איך** וועל אנכאפן א משל. מען האט געבעטן פון א מענטש טויזנט דאללער פאר א דבר טוב, און ער האט עס געגעבן. עס איז אים אנגעקומען שווער צו געבן, און ער האט געגעבן. שפעטער ווען איינער זאל צוגיין צו אים, און אים זאגן, הער מיך אויס, דו האסט געגעבן פאריגע מאל פאר א מצוה, דו האסט געגעבן טויזנט דאלער פאר א גוטען צוועק, איך געב דיר עלף הונדערט דאלער, פארקויף מיר די מצוה וואס דו האסט געטון. דו ווערסט נאך פארדינען דערויף. עס וועט נישט זיין קיין מענטש וואס וועט זאגן, פיין מסכים, גיב מיר די עלף הונדערט דאללער און איך געב דיר אוועק די מצוה. ווייל נאכדעם וואס ער האט געטון די מצוה, האט עס ביי אים אזא חשיבות, וואס איז נישט דא קיין געלט וואס מען זאל קענען דערפאר באצאלן. ער זאל נעמען א מצוה, און עס נאכדעם אוועקגעבן פאר א צווייטן?! עס איז טאקע שווער בשעת מען גייט עס טון, אבער נאכדעם וואס מען האט עס געטון, איז עס א שמחה ביי א מענטש.

**די** תורה זאגט, נתן תתן לו, געב אוועק פאר דעם ארימאן. עס וועט דיר שווער זיין צו געבן, אבער געב אים. אבער די תורה זאגט אים, ולא ירע לבבך בתתך לו, נאכדעם וואס דו האסט עס אים געגעבן, וועסטו זעהן אז עס וועט זיין ולא ירע לבבך, עס וועט דיר נישט ווי' טון דאס הארץ. ווייל וויפיל מען זאל אים שפעטער וועלן באצאלן פאר די מצוה, אפילו איינער זאל דיר געבן מער געלט פאר די מצוה, וועסטו עס נישט אוועקגעבן. דאס ווייזט אז באמת איז א מענטש מחשיב, און ער האט א שמחה ווען ער קען טון א דבר טוב. עס קומט נאר אן שווער צו טון, אבער נאכדעם וואס ער האט עס געטון, האט ער א שמחה אין דעם. - די אלע יודען וואס האבן זיך

משתתף געווען דא, די אלע האלטן שוין ביי די שמחה, מען האט שוין געגעבן די פלעדז"ש'ס ווי אזוי מען רופט עס, און מען האט זיך שוין מחייב געווען צו האבן א חלק אין די תורה וואס קומט ארויס פון דעם מקום. עס איז א שמחה, ווען מען קומט זיך דא צוזאם, איך האב א חלק, און איך וועל נישט אוועקגעבן פאר כל הון דעלמא די מצוה וואס איך האב געטון. נאכדעם קומט די משתה, כדי ארויסצוברענגען די שמחה, וטוב לב משתה תמיד.

**מען** גייט אריין אין די טעג פון שמחה, זאל דער באשעפער געבן, אז די שמחה זאל אונז באגלייטן שטענדיג. מען רעדט דא פון עלטערן וואס האבן קינדער, און מען דארף היינט האבן אסאך סייעתא דשמיא מען זאל קענען ערציען ערליכע דורות, ערליכע קינדער, עס איז א שווערע וועלט געווארן. עס איז שווער פאר די יונגלעך, און עס איז שווער פאר מיידלעך. יעדער מוסד וואס לייגט אריין כוחות מחנך צו זיין אונזערע קינדער, דארף מען באמת זיך שטארק באדאנקן דערפאר, זיי האבן א חלק אין דעם וואס אונז שטעל מיר אויף יודישע שטובער. זאל דער אייבערשטער געבן, מען זאל קענען זעהן שמחות און נחת, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות, און מיר זאלן אלע אינאיינעם זוכה זיין אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***יום רביעי פרשת תצוה***

בשעות הבוקר נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והתפלל תפלת שחרית בבית מדרשנו תפארת יהושע. אחר התפלה התקיים הברית של בן הר"ר **מאיר וויינבערגער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**ליהודים** היתה אורה ושמחה וששון ויקר (אסתר ח-טז). די גמרא (מגילה טז:) דרש'נט אויף דעם פיר זאכען. אורה זו תורה, תורה אור (משלי ו-כג). עס איז געווען די גזירה פון המן, אז מען קען נישט לערנען תורה. שמחה זו יום טוב, מען האט געמאכט א יום טוב. ששון זו מילה, מען האט געשטערט פון מאכען ברית'ן, מען האט נישט געקענט מקיים זיין די מצוה פון מילה. ויקר אלו תפלין, ויקר גייט ארויף אויף תפלין.

**די** פשוטע פשט ליהודים היתה אורה, אז מען איז געווען געשטערט פון לערנען תורה, און יעצט האט מען געקענט ווייטער לערנען. מען ווייסט וואס די גמרא (שבת פח.) זאגט, אז כאטש שבועות האט מען מקבל געווען די תורה, אבער עס איז געווען בכפיה, עס איז געווען געצווינגענערהייט. און עס איז דא א מודעה רבה לאורייתא, אז מען האט עס מקבל געווען בכפיה. אבער הדר קבלוה בימי אחשורוש, שפעטער בימי אחשורוש האט מען עס נאכאמאל מקבל געווען בשמחה מאהבת הנס. קומט אויס, איז פשוט געווען ליהודים היתה אורה ושמחה, עס איז געווען א קבלת התורה פון דאסניי, מען האט מקבל געווען די תורה מאהבת הנס. מען האט געהאט די תורה פאר דעם אויך, אבער יענע תורה איז געווען בכפיה, עס איז נישט געווען בשמחה. יעצט איז געווען ליהודים היתה אורה ושמחה, עס איז געווען תורה, און עס איז געווען שמחה אויך. מען האט עס מקבל געווען בשמחה, נישט אזוי ווי די פריערדיגע מאל וואס איז געווען בכפיה.

**כדי** מען זאל זוכה זיין צו תורה, דארף מען האבן די קדושת המילה. עס שטייט אין **דעת זקנים** (פרשת משפטים) אז מען קען נישט צוקומען צו א השגה אין תורה, נאר אז מען האט זיך גע'מל'ט פאר דעם. די מדרש ברענגט אז עס איז געווען א גר וואס האט זיך מגייר געווען, און ער האט זיך גע'מל'ט. און מען האט אים געפרעגט, אויב דו האסט געוואלט לערנען זייער תורה, האסטו געקענט לערנען אזוי אויך. האט ער געזאגט, מגיד דבריו ליעקב (תהלים קמז-יט), די תורה קען מען נאר פארשטיין ווען מען איז גע'מל'ט אזוי ווי יעקב, אז נישט, האט מען נישט קיין השגה אין תורה. - און אז ביז יעצט איז מען געווען געשטערט פון מילה, איז מען געווען געשטערט פון תורה אויך. אבער אז עס איז געווען ששון זו מילה, איז געווען אויך ליהודים היתה אורה ושמחה.

*

**ויקר** אלו תפלין. די גמרא (ברכות ו.) זאגט, אז כביכול דער באשעפער איז אויך מניח תפלין. און די גמרא פרעגט, תפלין דמארי עלמא מה כתיב ביה, וואס שטייט אין דעם באשעפער'ס תפלין. אונז ברענג מיר ארויס אין די תפלין די גרויסקייט פונעם אייבערשטען, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, און אין די תפלין פונעם אייבערשטען שטייט די גרויסקייט

פון כלל ישראל, מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ (דבה"י א יז-כא), דער אייבערשטער רומט זיך מיט יודען, אז עס איז נישט דא נאך אזא פאלק ווי יודען.

**די** וועלט זאגט נאך פונעם הייליגען **בארדיטשוב'ער רב זי"ע**, אז מען זאגט הושענא למען פארך. תפלין ווערט אנגערופן פאר, אזוי ווי עס שטייט אין פסוק (יחזקאל כד-יז) פארך חבוש עליך. א אבל טאר נישט לייגען קיין תפלין, ווייל ער קען נישט אנטון א פאר אויף זיך (ברכות יא.). האט דער הייליגער בארדיטשוב'ער רב געזאגט, ווען יודען זענען אין גלות, כי שחה לעפר נפשנו, דבקה לארץ בטננו (תהלים מד-כו), אונז ליג מיר אויף די ערד, כביכול די תפלין פונעם אייבערשטען ליגט אויף דער ערד. די תפלין פונעם אייבערשטען איז דאך מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ. דאס איז דער גוי אחד בארץ, אז ער איז מושפל צווישן די אומות? האט דער בארדיטשוב'ער רב געזאגט, 'הושענא', דער אייבערשטער זאל אונז העלפן, 'למען פארך', כדי אז דיין תפלין זאל זיין א פאר. דו ביסט מחויב אונז צו העלפן, ווייל אז נישט איז דיין תפלין נישט קיין פאר.

**אז** עס איז געווען א גזירה פון להשמיד להרוג ולאבד את כל היהודים, האט געפעלט אין די תפלין פונעם אייבערשטען, עס האט געפעלט אין דעם פאר. אבער אז עס איז געווען ליהודים היתה אורה ושמחה וששון, איז געווארן ויקר אלו תפלין. די תפלין דמארי עלמא, וואס עס שטייט דערין מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, און יעצט איז געווען ורבים מעמי הארץ מתיהדים כי נפל פחד היהודים עליהם, האט עס צוגעברענגט דערצו, אז די תפלין איז געווארן א כבוד פארן אייבערשטען.

*

***יום חמישי פרשת תצוה – תענית אסתר***

בשעות אחר הצהרים נכנס **רבינו שליט"א** להתפלל תפלת מנחה בבית מדרשנו, ותרם ג' מטבעות של מחצית השקל לפני התפלה.

אחר תפלת ערבית התעטף **רבינו שליט"א** בטלית, וקרא את המגילה בהתעוררות ובנעימה קדושה, שארכה קרוב למשך שעה.

*

***ערב שבת פרשת תצוה - פורים***

ביום הפורים כאשר הגיע **רבינו שליט"א** לביתו נאוה אחר תפלת שחרית וקריאת המגילה, קיים מצות משלוח מנות לרבני ואדמו"רי העיר, וקרובי המשפחה. קודם חצות נטל ידיו לסעודה, וקיבל המוני אנ"ש במשך שעות היום במשלוח מנות, ולהפקד בדבר ישועה ורחמים.

והשתיה כדת של תורה, כשכל כולו חטיבה אחת של התעוררות ודביקות עילאה, בעת ששרים ניגוני כיסופים וערגה, ניגוני חב"ד עתיקים, המעוררים לב ונפש בצמאון להשי"ת.

אחר שזימרו הניגון אשרינו מה טוב חלקנו, נענה **רבינו שליט"א** ואמר: אשרינו מה טוב חלקינו ומה נעים גורלנו, אשרינו שאנו משכימים ומעריבים, ואומרים בכל יום תמיד שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד. א יוד דארף וויסן זיין גליקליכקייט, מה טוב חלקנו, ווי גוט איז אונזער חלק. ער מיינט אז דער גוי איז בעסער? עס איז נישט אזוי! דער גוי האט א תענוג פאר איין מינוט, און נאכדעם ווערט ער נמאס דערפון, און א טאג שפעטער זוכט ער א פרישע תאוה. האט דען יעדער א זכיה צו זאגען שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד? נישט יעדער! אפילו דער גוי'שער יוד, וואס ליגט אין טומאת און תאוות עולם הזה, וואונטשט זיך, אז ווען ער גייט אוועק פון דער וועלט, זאל ער קענען זאגן שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד. טיף אינעם הארץ ווייסט ער וואס די ריכטיגע נקודה איז. ער קען עס נאר שווער ארויסברענגען, דארף מען הארעווען דערויף, אבער אינווייניג ווייסט ער אז דאס איז דער אמת. והמשיכו לשור 'אשרינו מה טוב חלקינו' למשך זמן.

*

**איך** האב געהערט פון **מיין טאטען ז"ל**, אז עס איז געווען אמאל א שבע ברכות אין צאנז, און דער **בעלזער רב** איז געווען ביי די שבע ברכות, עס איז געווען א אייניקל פון בעלזא מיט צאנז. און עס איז געווען פרייטאג נאכמיטאג, און דער **צאנזער רב** איז געזעסן רואיג ביים טיש, כאילו עס וואלט גארנישט געווען, און דער בעלזער רב איז געווען אנגעצויגן, עס איז באלד שבת. האט דער צאנזער רב געזאגט, וואס איז דער מחותן אזוי אנגעצויגן, עס איז געווען

אמאל א דארף'ס יוד, וואס האט געוואוינט אליין אין א דארף, און ער האט נישט געהאט א לוח, ער האט נישט געוואוסט ווען עס איז פורים, און ווען עס איז פסח, ער האט זיך אלץ פארלאזט אז אין די שטאט ווייסט מען פונקטליך ווען עס איז.

**ער** האט געהאט א מנהג, אז ערב פסח האט ער געגעסן א סעודה פון חמץ, און נאכדעם האט ער געגעסן פסח'דיגס. איינמאל האט ער פארלוירן דעם חשבון, עס איז שוין געווען פסח, און ער האט געמיינט אז עס איז נאך ערב פסח, און ער האט זיך אראפגעזעצט צום טיש עסן זיין חמץ'דיגע סעודה. אינמיטן איז אריינגעקומען א גוי, און ער זאגט אים, מאשקע, דו זיצט ביי חמץ? אין די שטאט איז שוין פסח. זאגט ער פאר זיין ווייב, 'אזוי, עס איז שוין יום טוב, לאמיר אראפנעמען פון טיש די קרעפלעך, און לאמיר ארויפלייגען די קניידלעך, און עס איז שוין פסח'. האט דער צאנזער רב געזאגט, 'מען טוט זיך אויס דעם ספאדיק, און מען טוט זיך אן דעם שטריימעל, און עס איז שוין שבת'. - מען קען טוישן, איין מינוט איז פורים, און איין מינוט איז שבת. דער וואס האט געהייסען אז מען דארף זיין פריילעך פורים, האט געהייסען אז מען דארף זיין ערנסט שבת.

**א' מהנוכחים:** שבת דארף מען זיין ערנסט?

**רבינו:** פורים דארף מען זיין עד דלא ידע, און שבת דארף זיין לדעת כי אני ה' מקדשכם (שמות לא-יג), מען דארף וויסן וואס שבת איז. שבת קען מען נישט מסביר זיין, שבת דארף מען קאסטען. מען האט געפרעגט די מאמע, צו די זופ איז גוט? האט די מאמע געזאגט, קאסט עס, וועסטו וויסן צו עס איז גוט. - יעדע יוד האט זיין מדריגה, אינו דומה אדם לחבירו.

*

לערך בשעה ארבע אחר הצהרים בירך **רבינו שליט"א** ברכת המזון. אחר כך חבש השטריימל לנכדו החתן הרב **יוסף ראזנער** שליט"א, ושרו ניגוני שמחה, ובירך את החתן בברכות לרוב.

אחר זמן הדלקת הנרות ירד **רבינו שליט"א** לטבול לכבוד שבת, והלך לבית מדרשנו לתפלת מנחה וקבלת שבת.

*

***שבת קודש פרשת תצוה***

בליל שבת בלכה דודי (בחרוז בואי בשלום) רקדו כל הקהל בבית המדרש כנהוג בקהלתנו הק'.

בקריאת התורה התקיים שמחת עליה לתורה של נכד **רבינו שליט"א** החתן **הרב יוסף ראזנער שליט"א**. כמו כן קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **שמואל יוסף מאנדעל** הי"ו. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחות, ועברו המוני אנשי שלומינו לברך ברכת מזל טוב לרגל השמחה הרוממה.

בסעודה שלישית נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א** בברכת המזון.

במוצאי שבת לערך בשעה עשר וחצי נכנס **רבינו שליט"א** לבית מדרשנו לעריכת שלחנו הטהור לכבוד היום. איה השוקל ואיה הסופר לתאר גודל התרוממות הנפש והתעוררות הגדולה ששרתה לערך שבע שעות בקודש, בעת אשר כטוב לב המלך ביין, השפיע עלינו שמחה וחדוה עילאה ממעון הברכות, והשמיע משיחותיו הקדושות המלאים זיו ומפיקים נוגה, בביאורים מאירת עינים בפסוקי המגילה, מילין קדישין ושיחות קודש, אשרי עין ראתה כל אלה.

בין השיחות ניתן ריוח להתבונן בשמחת היום, כששרים ומזמרים ניגוני שמחה וששון, וכל קהל הקודש רוגשים ורוקדים בעוז ותעצומות בחדוה עילאה. בין הפרקים נשמעו חרוזים מיוחדים מהרה"ח רבי שרגא **בלומענבערג** הי"ו, ודברי בדחנות בטוב טעם על ידי הר"ר **נחמן לאווי** הי"ו.

**נצטט פנינים וציטוטים שנשמעו מפי רבינו שליט"א במשך עריכת השלחן הטהור** (חלק הדברי תורה נדפס בגליון 'דברי תורה'):

♦ כשהזכיר **רבינו שליט"א** שבארץ ישראל הוא פורים משולש. אמר בשם **הגה"צ מקאפיש זצ"ל**, שיש לשון **הרמב"ם** דהשתיה צריך להיות באמצע הסעודה. ולפי זה אם הסעודה היא ביום ראשון, גם חיוב השתיה היא ביום ראשון. והוסיף: איך דערמאן מיך א ווערטל וואס איך האב געהערט פונעם **קאפיש'ער רב זצ"ל**. דער קאפישער רב איז געווען א תלמיד פונעם **קאשוי'ער רב, רבי שאול בראך זצ"ל**, ער איז געווען א תלמיד מובהק, און א חשובער תלמיד ביי אים. און רבי

שאול בראך האט אים געגעבן א כתב התרת הוראה. האט ער מיר אמאל גזאגט, אז מען האט אים אמאל אנגעטראגן א רבנות אין א שטאט ווי דער רב האט געטרינקען אויף דער עלטער, און מען האט זיך נישט געוואלט אזוי פארלאזן אויף זיין הוראה, האט מען געזוכט, אז עס זאל אהין קומען איינער וואס זאל זיין צוזאמען מיט אים, און אים פארטרעטן. און מען האט עס אנגעטראגן פאר קאפיש'ער רב, אז ער זאל קומען אהין ווערן רב, אדער דיין.

**האט** ער מיר פארציילט, אז ער האט זיך דעמאלטס געטראפן מיטן **צעהלימער רב זצ"ל**, [נאך אין יוראפ, נישט דא]. און ער האט אים געוויזן דעם כתב וואס ער האט באקומען פון זיין רבי'ן. און אין דעם כתב איז געשטאנען, אז דער רבי שרייבט אויף אים, 'כי ממנו יקחו לקח טוב', [דאס איז געווען איינע פון די לשונות וואס ער האט געשריבן]. דער צעהלימער רב האט אלץ געהאט אזא מילתא דבדיחותא. זאגט ער אים: אויב איר גייט אננעמען די רבנות דארטן, בין איך זייער מקנא די שטאט. ווייל דער רב האט ברוינפען, און איר האט 'לקח', איז עס זייער א פיינער שידוך...

*

\- שמחים בפורים המשולש בשמחתו של הקב"ה -

**איך** האב אלץ געטראכט, אז דאס וואס מען זעהט ביי צדיקים, אז שושן פורים איז געווען ביי זיי א גרויס ענין, איז ווייל אין ירושלים איז דער טאג דער יום טוב, און יעדער יוד איז מקושר מיט ארץ ישראל, מיט ירושלים עיה"ק, אם אשכחך ירושלים תשכח ימיני, האט מען זיך געוואלט מצטרף זיין מיט די בני ירושלים צוזאמען, האט מען געהאלטן שושן פורים אויך. כאטש אין חוץ לארץ זאגט מען נישט שושן פורים על הניסים, עס איז נישט קיין יום טוב, נאר אקעגן געוויסע הלכות, אבער מען האט זיך געוואלט מצטרף זיין מיט די מוקפים חומה.

**עס** איז מיר עלה במחשבה דעם פורים, אז עס איז טיפער פון דעם. די גמרא (מגילה ז.) זאגט, אסתר ברוח הקודש נאמרה, שנאמר (אסתר ט-כז) קימו וקבלו היהודים עליהם ועל זרעם, קימו למעלה מה שקבלו למטה. דער פשוטער פשט איז, אז די מגילה שרייבט, קימו, מען האט אויבן אין הימל אנגענומען, מה שקיבלו למטה, וואס אונז האב מיר מקבל געווען דא אונטען צו מאכן פורים. מרדכי האט דאך געשריבן מען זאל מאכן א יום טוב, קימו, מען האט עס באשטעטיגט אויבן אין הימל. פון וואו ווייסט מען אז מען האט עס באשטעטיגט אין הימל? מוז זיין אז אסתר ברוח הקודש נאמרה. דאס איז פשוט פשט אין די גמרא.

**איך** מיין אז דער פשט איז נאך טיפער דערין. דער אייבערשטער איז דאך שומר תורתו (ירושלמי ר"ה א-ג), דער אייבערשטער האלט וואס עס שטייט אין די תורה. יעדן יום טוב איז כביכול ביים רבונו של עולם אין הימל אויך יום טוב. דער אייבערשטער האלט די תורה יעדן שבת און יעדן יום טוב. און אזוי אויך אלע אנדערע מצוות פון די תורה. תפילין דמרא עלמא מה כתיב ביה (ברכות ו.). עס איז אויך אן אנדערן אופן ווי עס איז ביי אונז, אבער על כל פנים וואס עס איז שייך ביים אייבערשטען, איז דא א שמירת התורה. נישט נאר דער אייבערשטער היט די מצות פון די תורה וואס ער האט מצווה געווען, דער אייבערשטער היט אויך די מצות פון די חכמים. אזוי שטייט אין מדרש (תנחומא נשא כט), אל תהיו מצות זקנים קלה בעיניך, מען זאל נישט גרינג האלטן א מצוה וואס די זקנים האבן איינגעפירט, וואס חכמי ישראל האבן איינגעפירט. דער אייבערשטער זאגט, ווייל איך האלט אויך די מצות פון די זקנים.

**עס** איז א פלא דער מדרש, ביי יעקב אבינו שטייט וישם את אפרים לפני מנשה (בראשית מח-כ), ער האט געשטעלט אפרים פאר מנשה, ביי די ברכה האט ער געשטעלט אפרים בימין, און מנשה בשמאל. האט דער אייבערשטער געזאגט, איך טו אויך די זעלבע. בשעת עס איז געקומען מקריב צו זיין די קרבנות פון חנוכת הנשיאים, האט דער אייבערשטער מקדים געווען שבט אפרים פאר מנשה, ווייל איך האלט אויך מצות זקנים, מען זאל זיך אראפלערנען פון מיר אז מען דארף אזוי צו טון. - קומט אויס פון ווען מרדכי האט מתקן געווען אז עס דארף זיין פורים, האט מען אין הימל אויך אנגענומען אז פורים איז א יום טוב, כביכול דער אייבערשטער איז מקיים די מצוה פון פורים. דער אייבערשטער איז דאך שומר תורתו.

**וועלכען** פורים איז דער אייבערשטער מקיים? פון די פרזים צו פון די מוקפים חומה? איז דאך דער אייבערשטער מקבל וואס עס טוט זיך אין ירושלים,

אזוי שטייט (כוזרי פ"ב סי"ח), אז דער זייגער אויבן אין הימל, דער יום ולילה, איז אויסגעשטעלט לויט ארץ ישראל. דער אייבערשטער איז שוכן בירושלים (תהלים קלה-כא), און אז דער אייבערשטער איז שוכן בירושלים, קומט אויס אז ביים רבונו של עולם איז פורים אזוי ווי ירושלים. אז פורים ביים אייבערשטען איז ווען עס איז אין ירושלים, קומט זיך דאך אז אונז זאל מיר זיך פרייען נישט נאר מיט די אנשי ירושלים, נאר מען זאל זיך אויך פרייען מיטן אייבערשטען אליין, עס איז זיין פורים. און אז עס איז זיין פורים, פריידט מען זיך מיטן אייבערשטען'ס פורים.

**אז** ביים אייבערשטען איז יעצט פורים, פורים האט דאך אסאך מצוות, מתנות לאביונים איז אויך א חלק פון די מצות פון פורים. ווי אזוי גיט דער אייבערשטער מתנות לאביונים, ער האט נישט קיין אביונים אויבן אין הימל, מוז דאך זיין אז פאר דעם עני ואביון, פאר אונז, גיט דער אייבערשטער מתנות! פורים איז א זמן וואס מען קען זיך אויסבעטן ביים אייבערשטען, דער באשעפער זאל געבן די מתנות לאביונים פאר אים. - און מען קען דאך יוצא זיין מיט צוויי ארימעלייט, וועט דער אייבערשטער זיי געבן עשירות, וועט ער מקיים זיין מתנות לאביונים, דער אייבערשטער איז מקיים דעם כל הפושט יד נותנין לו (ירושלמי מגילה א-ד). אונז דארף מיר זיין הפושט יד, ווען א מענטש שטרעקט אויס די האנט צום רבונו של עולם, און ער בעהט אז דער אייבערשטער זאל אים בענטשן מיט וואס ער דארף צו האבן, איז דער אייבערשטער מקיים, כל הפושט יד נותנין לו.

**אז** היינט איז דער פורים פונעם אייבערשטען, פרייען מיר זיך מיט, מיט די שמחה פונעם רבונו של עולם. און אז מען פריידט זיך מיט מיטן אייבערשטען איז זייער גוט. ווען איינער קומט צו יענעם'ס חתונה, געדענקט ער עס. מיר קומען היינט צו די חתונה פונעם אייבערשטען. ווען מען איז ביי די חתונה פונעם אייבערשטען, געדענקט דער רבונו של עולם ווער עס האט אטייל גענומען ביי זיין חתונה. ביי זיין חתונה געדענקט ער נישט נאר דעם גאסט וואס איז געקומען און ער האט זיך געזעצט אין די זייט און אויפגעגעסן די סעודה. ער געדענקט ווער עס האט זיך משמח געווען, און ווי אזוי מען האט זיך משמח געווען. מיר זענען זיך משמח מיט די שמחה פונעם רבונו של עולם.

**זאל** דער אייבערשטער געבן מיר זאלן זיך קענען משמח זיין, קענען זיין שטענדיג פרייליך מיטן רבונו של עולם. אז אונז וועל מיר זיך משמח זיין מיט זיין שמחה, וועט דער אייבערשטער אונז משמח זיין, כל הפושט יד נותנים לו. דער באשעפער זאל ממשיך זיין פאר אונז אלע השפעות טובות וואס אונז דארף מיר צו האבן. מען זאל קענען אויסנוצן די פאר שעה וואס איז דא אין דער נאכט, זיך אמת'דיג משמח זיין, עבדו את ה' בשמחה בואו לפניו ברננה, עס איז נישט דא פארן אייבערשטען קיין אנדערע שמחה, ווי א יוד פריידט זיך אויף די וועלט. דער באשעפער זאל העלפן אי"ה, מען זאל זיך קענען מיטפרייען שטענדיג מיטן שמחת ה', מתוך שמחה וטוב לבב.

*

- השפעת ראיית מעמד הר סיני -

♦ כשהזכיר **רבינו שליט"א** הגמרא (זבחים קטז.) שבשה שנתן הקב"ה התורה לישראל היה קולו הולך מסוף העולם ועד סופו, הוסיף: איך האב אייביג געטראכט, משה רבינו געווען דער גרעסטער וואס איז געווען אין כלל ישראל. און לויט די דעה (עבודה זרה כד.) אז יתרו איז אנגעקומען נאך מתן תורה, זענען זיין ווייב מיט קינדער נישט געווען ביי מתן תורה. ווי לייגט זיך אויפן שכל, אז משה רבינו'ס קינדער, וואס משה איז עלה למרום, ער האט געברענגט די תורה, זיינע קינדער זאלן נישט שטיין ביי מתן תורה? זיי האבן נישט געהערט אנכי ה' אלקיך פונעם אייבערשטען? נאר אז די גמרא (זבחים קטז.) זאגט, אז עס איז געווען נשמע קולו מסוף העולם ועד סופו. קומט אויס, אז מען האט נישט געדארפט שטיין דארטן ביי מתן תורה, נאר וואו מען איז געשטאנען, האט מען געהערט אנכי ה' אלקיך. האבן משה רבינו'ס קינדער אויך געהערט אנכי ה' אלקיך.

**אבער** זיי האבן עס נאר געהערט פון דערווייטנס, זיי זענען נישט געשטאנען דארט ביים מעמד הר סיני, ווען דער אייבערשטער איז אראפגעקומען על הר סיני. און זיי האבן נישט געזעהן ווי אזוי די מראה האט אויסגעקוקט, ווען דער רבונו של עולם קומט אראפ אויפן בארג סיני, מיט די קולות וברקים, און דער פייער וואס איז געווען אויפן בארג, דאס האבן זיי נישט געזעהן. און אז מען האט עס נישט געזעהן, עטץ ווייסט וואס עס איז געווארן פון משה רבינו'ס

קינדער? זיי האבן נישט איבערגענומען דעם פלאץ פון משה רבינו. דער רבי איז אוועק, האט דער זון נישט איבערגענומען. ניין, יהושע איז געווארן דער מנהיג ביי יודען. פארוואס האבן משה רבינו'ס קינדער נישט איבערגענומען? ווייל זיי זענען נישט געשטאנען ביים בארג סיני. אז מען האט נישט צוגעקוקט די מראה פון אנכי ה' אלקיך, קענסטו נישט זיין קיין מנהיג ביי יודען. דו האסט טאקע געהערט אנכי ה' אלקיך, האסט עס געהערט אויף א טעיפ, האסט עס געהערט אויף א ליי"וו הא"ק א"פ, אבער דו ביסט נישט דארט געווען. אז מען הערט אויף א ליי"וו הא"ק א"פ איז עס נישט די זעלבע ווי מען איז דארט... אז דו ביסט געווען דארט, דו האסט געזעהן ווי אזוי דער אייבערשטער גיט די תורה, דאס איז א אנדערע מראה אינגאנצען! דו קענסט זיין א ווארילער יוד, משה רבינו'ס קינדער, אבער א מנהיג פון יודען קענסטו נישט זיין, אויב דו ביסט נישט געווען ביי מתן תורה. - און עטץ מיינטס עס האט זיך אזוי גוט אויסגעלאזט מיט משה רבינו'ס קינדער, ניין. זיי האבן טאקע געהערט אנכי ה' אלקיך, אבער ער האט געהאט אן אייניקל וואס איז געווען א כומר לעבודה זרה, אזוי שטייט אין די גמרא (בבא בתרא קט:).

*

## - קבלת התורה מאהבה -

♦ כשהזכיר **רבינו שליט"א** הגמרא (שבת פח.) שבימי אחשורוש הדור קבלוה מאהבת הנס, הוסיף: עס איז נישט פורים היינט, היינט איז שבועות! מיר זענען מקבל די תורה. דאס איז דער יום טוב פון פורים, מיר זענען מקבל די תורה מאהבה. ביז יעצט האבן מיר אויך געהאלטן די תורה, אבער די אהבה, די ליבשאפט צו די תורה! נישט מקבל זיין די תורה ווייל איך בין געצווינגען, איך בין נעבעך געבוירען געווארן א יוד. איך בין נעבעך א אומשולדיג קינד, וואס מיין טאטע און מיין מאמע האבן מיך געברענגט אויף די וועלט, און איך דארף האלטן די תורה. - ניין! איך פריי מיך אז איך בין א יוד! פריי דיך! דאס איז די אהבה וואס יודען זענען דעמאלטס צוגעקומען. עס איז נישט דא קיין שענערס פון האלטן די תורה! נישט דא קיין שענער לעבן אויף די וועלט, ווי א יוד וואס האלט די תורה! מען דארף נישט מקנא זיין דעם גוי וואס איז אויף דער גאס. זייטס אים נישט מקנא, ער איז גארנישט גליקלעך, ער איז פארפוילט, ער איז א פארדארבן עפל, ער האט נישט קיין שום חיות אין זיין לעבן. אלעס איז נאר תאוה, כבוד, געלט, פארמעגן, און אנדערע זאכן, אן קיין שום אינהאלט וואס איז דא אין די חיות פון א גוי.

*

## - התבוננות בחסדי ה' על כל נשימה ונשימה -

♦ **רבינו שליט"א** הסביר הגמרא (שבת פח.) הדור קבלוה מאהבת הנס: וואס ברענגט צו א יוד צו טון מצות ומעשים טובים? אהבת הנס. ווען דער אייבערשטער העלפט פאר יודען, ווען עס גייט גוט פאר יודען, ווען עס פעלט זיי גארנישט, און א יוד איז זיך מתבונן, רבונו של עולם דו געבסט מיר אזוי סאך, דו געבסט מיר אזויפיל גוטס, עס פעלט מיר גארנישט ב"ה. איך האב ב"ה חתונה געהאט, איך האב א ווייב מיט קינדער, איך האב געלונגענע קינדער, איך בין זיי מחנך צו תורה און עבודת ה'. דו געבסט מיר פרנסה, דו געבסט מיר מער פרנסה פון וואס איך דארף האבן. וויפיל בין איך דיר שולדיג רבונו של עולם פאר דעם וואס דו טוסט פאר מיר. קען איך דיר דען באצאלן?! אילו פינו מלא שירה כים, ולשוננו רנה כהמון גליו, אין אנו מספיקין להודות לך ה' אלקינו, רבונו של עולם דו טוסט מיט מיר אזויפיל גוטס, איך וויל דיר עפעס באצאלן, איך גיי מקבל זיין די תורה יעצט אויף מיר מאהבה, פון ליבשאפט! יא. ווען איינער וואלט דיר געגעבן אזויפיל געלט וויפיל דער רבונו של עולם גיט דיר, ווען איינער וואלט דיר געגעבן אזויפיל גוטס ווי דאס וואס דו באקומסט פונעם רבונו של עולם, וויפיל וואלסטו אים געדאנקט. פארגעס פון די פאר קליינקייטן וואס עס שטערט דיך, עס איז ממש א קליינקייט אקעגן די גוטס וואס דו באקומסט פון רבונו של עולם. דו ביסט דא? וואס איז מיט קאראנא?! דיינע חברים זענען שוין אויף יענע וועלט, און דו געפונסט זיך דא, וויפיל דארפסטו דאנקן פארן אייבערשטען אויף דעם. וויפיל חסד ה' ליגט ביי דיר אין די הענט, וואס דער רבונו של עולם גיט דיר, אז דו ביסט דא, אז דו קענסט זיך פרייען. וויפיל יודען איז דא וואס גייען אויס פאר א פרוטה, זיי האבן נישט צו באצאלן אין גראסערי וואס זיי דארפן צו האבן. - דער רבונו של עולם האט דיר געהאלפן, דו האסט, דו קענסט, דו קענסט באצאלן, וויפיל ביסטו שולדיג פארן אייבערשטען.

**ווען** דער אייבערשטער גיט גוטס פאר יודען. ווען דער אייבערשטער איז משפיע, דער אייבערשטער גיט פאר יעדן וואס ער דארף צו האבן, און ער מאכט א חשבון הנפש וויפיל גוטס איך האב באקומען פונעם רבונו של עולם, דאס איז אים מעורר, אז איך באקום עפעס, דארף איך באצאלן דערפאר. פאר א בשר ודם וואס וואלט דיר געגעבן א צענטל, א הונדערט'ל, וואס דו באקומסט פונעם אייבערשטען, וויפיל וואלסטו אים שולדיג געווען, וויפיל וואלסטו געפילט א התחייבות אים צו באצאלן? פארוואס פילסטו נישט פארן רבונו של עולם די זעלבע? - א יוד פילט יא! דער אהבת הנס האט צוגעברענגט, אז יודען האבן מקבל געווען די תורה מאהבה.

**על** כל נשימה ונשימה תהלל י-ה (ב"ר יד-ט), מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען אויף יעדן אטעם וואס דו האסט. די מחלה וואס גייט ארום ל"ע, עס זאל נישט אנקומען צו קיין שום יודישע שטוב, דארט פעלט די נשימה, מען האט נישט די געהעריגע נשימה מען זאל קענען אטעמען. דער אייבערשטער האט דיר געגעבן די נשימה. וויפיל נשימות אטעמסטו א טאג? אין איין מינוט איז אכצן נשימות. צענדליגער טויזענטער נשימות האסטו אין איין טאג! ווען דאס זאל זיך אפשטעלן פאר א פאר סעקונדעס, ביסטו נישט דא אויף די וועלט. - דער רבונו של עולם גיט עס דיר. דאס איז דער אהבת הנס, פון די גוטס וואס דער אייבערשטער גיט פאר יודען, דאס ברענגט צו אז א יוד זאל זיך מקרב זיין צום אייבערשטען.

*

**- אשרינו מה טוב חלקנו -**

♦ אחר שזימרו הניגון אשרינו מה טוב חלקנו, פתח **רבינו שליט"א** בשיחת קדשו: חב"ד חסידים פלעגן צו זאגן, 'אשרינו מה טוב חלקינו', אז מיר זענען יודען. 'ומה נעים גורלינו', אז מיר זענען חסידים. 'ומה יפה ירושתינו', אז מיר זענען חב"ד חסידים. יעדער יוד זאגט די דריי ווערטער צוזאמען ביים דאווענען, און יעדער יוד האט א שורש ערגעץ אנדערש. און **יעדער איינער דארף זאגן ביי זיך צופרי ווען ער דאווענט, אשרינו מה טוב חלקינו, אז מיר זענען יודען, ומה נעים גורלינו, אז מיר זענען חסידים, ומה יפה ירושתינו, אז איך בין א חסיד פון מיין רבי'ן.**

**יעדער** יוד האט א שורש פון וועם ער איז מקבל, אזוי האבן מיר מקבל געווען די תורה מסיני, עס איז איבערגעגאנגען אלץ פון איינעם צום צווייטן. **א יוד דארף זיך שפירן גליקליך אין די סביבה ווי ער געפונט זיך. עס איז נישט קיין נפקא מינה וואו ער איז. יעדער יוד אויף זיין פלאץ וואו ער איז, קען ער דארטן באקומען זיין יניקה וואס ער דארף האבן. אז נישט וואלט אים דער אייבערשטער נישט אהין געשטעלט. דער רבונו של עולם שטעלט נישט אוועק קיין מענטש אויף דער וועלט, וואו עס איז נישט זיין פלאץ. דער אייבערשטער שטעלט יעדן מענטש אוועק. אזוי ווי ער האט דיך אויסגעשטעלט דיין זיווג, ער האט דיר אויסגערופן בת פלוני לפלוני, ער האט אויסגערופן דיין בית פלוני לפלוני, דאס איז גשמיות. אזוי האט ער דיר אויסגעשטעלט דיין וועג וואו דו זאלסט זיך דרייען, וואו דו זאלסט מקבל זיין, פון וועם דו קענסט מקבל זיין, ווער עס איז די שורש פון דיין נשמה, ווער עס איז דיין רבי, צו וועם דארפסטו זיין א תלמיד, צו וועם דארפסטו זיין א חסיד. עס איז אויסגעשטעלט אלעס פונעם רבונו של עולם. אויב דער אייבערשטער האט דיך אריינגעשטעלט אויף א געוויסן פלאץ, זאג פארן רבונו של עולם, איך דאנק דיר באשעפער! דאס איז מיין מקום!** אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים גורלינו, ומה יפה ירושתינו. אונז דאנק מיר דיך רבונו של עולם אז מיר זענען יודען!

**עטץ** ווייסט וואס דאס מיינט, אשרינו מה טוב חלקינו, אז מיר זענען יודען? ווי טיף דאס איז דער אשרינו מה טוב חלקינו? שלא עשינו כגויי הארצות, ולא שמנו כמשפחות האדמה. כלל ישראל איז איין פראצענט אין די וועלט, כי אתם המעט מכל העמים (דברים ז-ז). אבער מיר זענען אלעס! עס איז נישט דא קיין שום זאך אויף די וועלט וואס עס טוט זיך, נאר וועגן אונז! אלעס וואס עס פירט זיך אויף די וועלט, שפילט זיך אפ אין אונזערע בתי מדרשים, ווי יודען געפינען זיך. ווי אזוי אונז פיר מיר זיך אויף, דאס ברענגט די ברכה אויף די וועלט, און ח"ו דאס פארקערטע. ונברכו בך כל משפחות האדמה (בראשית יב-ג), אלע משפחות אדמה ווערן געבענטשט דורך יודען. די גמרא (יבמות סג.) זאגט, אפילו ספינות הבאות מגליא לאספמיא, א שיף אין יענע עק וועלט, צו עס זאל מצליח זיין צו נישט, איז תלוי אין אונז! וואס איז טייטש אז עס איז תלוי אין

אונז? דער שיף וואס מאכט דארטן ביזנעס, אויב דאס דארף אנקומען צו א יוד'ס האנט, וועט עס מצליח זיין. אז עס דארף נישט אנקומען צו א יוד'ס האנט, וועט עס נישט מצליח זיין. אלעס דרייט זיך ארום כלל ישראל. אשרינו מה טוב חלקינו, מען דארף זיין גליקליך, אז מיר זענען יודען.

**און** אז דער אייבערשטער האט אונז געהאלפן מה נעים גורלינו, אז מיר זענען חסידים, דאס איז שוין א אנדערע זאך, דאס האט שוין אן אנדערן טעם אינגאנצען. - חסידים האבן אמאל געזאגט, וואס מיינט א יוד בפנימיות, און וואס מיינט א יוד בחיצוניות? אמאל איז מען געפארן אויפן וועג, און עס איז דאך געווען קאלט, עס איז נישט געווען קיין קארס ווי היינט, מען איז געפארן אין א וואגן. מיר האבן אפילו נישט קיין השגה ווי אזוי עס האט אויסגעקוקט אמאל, ווען מען איז געפארן צו א רבי'ן, צו מען איז געפארן סתם אזוי פון איין מקום אויפן אנדערן מקום, אינמיטן ווינטער. מען דארף זיך אריינזעצן אין א וואגן געפרוירענערהייט, עס איז נישט געווען קיין סטים דארט. און מען האט געדארפט פארן פון איין פלאץ אויפן אנדערן, שעות ארוכות איז מען געזעסן אין די קעלט. וואס האט געווארעמט? מען האט מיטגענומען א פלעשל בראנפן, פון צייט צו צייט האט מען געטרינקען א גלעזל בראנפן, און דאס האט אנגעווארעמט.

**איז** געווען אמאל איינער וואס האט געדארפט גיין אונטערוועגענס, האט ער געפרעגט דעם חבר, ווי אזוי גיי איך אהין, די וועג וואס מען פארט איז דאך אייז קאלט. זאגט אים דער חבר, וואס איז די פראבלעם, נעם מיט א פלעשל בראנפן אויפן וועג. די אנדערע וואך טרעפט ער דעם חבר, זאגט ער אים, איך האב מיטגענומען א פלעשל בראנפן, און עס האט גארנישט געהאלפן. זאגט ער, וואס האסטו געטון מיט דעם פלעשל בראנפן? זאגט ער, עס איז געלעגן דארטן אינעם וואגן צוזאמען מיט מיר. זאגט ער אים, יא, ווען עס ליגט א פלעשל בראנפן בחיצוניות, עס ליגט אינדרויסן, איז עס גארנישט. האסט געדארפט נעמען א פאר גלעזלעך און טרינקען דערפון, וואלט געווען עפעס אנדערש.

**דאס** מיינט חיצוניות און פנימיות. עס איז דא חיצוניות, מען איז א יוד אין חיצוניות, יא, מען דארף לערנען, מען דארף דאווענען, מצות אנשים מלומדה, אבער עס גייט נישט אריין אינעווייניג אינעם מענטש. חסידות האט אריינגעברענגט יודישקייט אין די הערצער פון יודען. מען נעמט דעם גלעזל בראנפן, און מען טרינקט זיך אן דערמיט. עס איז טאקע נאר א גלעזל בראנפן, אבער אז מען טרינקט דערפון, הא, מען ווערט אן אנדערער מענטש, עס איז אנדערש. - דאס איז דער אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים גורלינו.

*

### - ירא שמים בסתר ובגלוי -

**מען** זעהט אין די מגילה, עס שטייט אין פסוק (אסתר ד-ז), ואת פרשת הכסף אשר אמר המן לשקול על גנזי המלך ביהודים לאבדם. אין די מגילה שטייט יהודים מיט צוויי יוד"ן, יהודיים, אבער מען לייענט נאר איינס. דאס איז טייטש, איין יוד איז בגלוי, און איין יוד איז בסתר, מען לייענט עס נישט ארויס. פארוואס? ווייל יעדער יוד איז א אנדערער יוד בגלוי, און א אנדערער יוד בסתר. עס איז א אנדערער סארט יוד.

**עס** איז אויף צוויי וועגן. מיר זענען אלע יודען בחיצוניות, מען גייט מיט שטריימל בעקיטשע, מען דאווענט, מען לערנט. אבער וואס דער יוד איז אינעווייניג בפנימיות, איז נישט אייביג די זעלבע! עס איז יעדער יוד אנדערש. יעדער יוד האט אן אנדערע סארט פנימיות. די פנימיות פון א יוד איז אזוי הייליג, אזוי טייער, אונז ווייס מיר אפילו נישט צו שעצן דעם אשרינו מה טוב חלקינו. נישט וואס איך בין אינדרויסן, נאר וואס איך בין בעצם. מיין עצם יוד, דער ויפח באפיו נשמת חיים (בראשית ב-ז), א נשמה פון א יוד איז א חלק אלקי ממעל 'ממש' (**לקוטי אמרים תניא** פרק ב'), כביכול א יוד איז ממש א חלק פונעם רבונו של עולם. דער חלק אלקי ממש וואס עס ליגט אין א יוד, דאס איז אן אנדערער סארט יוד פון דעם וואס דו ביסט אינדרויסן.

**נישט** נאר אז מיר קענען נישט שעצן א צווייטן יוד וואס ער איז, אונז קוק מיר דאך נאר דעם יוד פון אינדרויסן, אונז קען מיר אים נישט שעצן וואס ער איז אינעווייניג. אבער אפילו דער יוד אליין, קען זיך אויך נישט שעצן, וואס פאר א יוד ער איז בפנים! ער אליין ווייסט נישט וואס פאר א טייערער יוד ער איז

בפנים. בפנים איז ער זיך גרייט מוסר נפש זיין פארן אייבערשטען על כל קוצו וקוצו פון יעדע זאך פון די תורה. אמת, ער קען זיך אסאך מאל נישט גובר זיין. דער יצר הרע איז שטערקער פון אים, ער קען נישט ארויסברענגען זיין יודישקייט אין הלכה למעשה, ער זאל זיך קענען פירן ווי א יוד דארף זיך צו פירן. אבער בעצם איז ער א אנדערער סארט יוד. עס איז דא גנזי המלך ביהודיים, דער אייבערשטער האט גונז געווען, אין די יהודים איז דא א יהודים וואס מען ליינט, און עס איז דא א יהודיים וואס מען ליינט נישט, עס איז דא דארט נאך א יוד. עס איז אן אנדערער סארט יוד וואס עס ליגט אינעווייניג אין דעם יהודי, פון דעם וואס איז אינדרויסן.

**עס** איז דא א יהודיים, עס איז געשריבן מיט צוויי יו"ד'ן, איינס ליינט מען און איינס ליינט מען נישט. איינס איז בגלוי, און איינס איז בסתר. יודען זענען געווען ביי אחשורוש, און מען האט זיך געבוקט צו עבודה זרה, און די גמרא (מגילה יב.) זאגט, הם לא עשו אלא לפנים, מען האט געזעהן א יוד ביקט זיך צו די עבודה זרה, מען האט געמיינט ער איז א עובד עבודה זרה, הם לא עשו אלא לפנים, דאס איז געווען דער יוד בגלוי! אבער דער יוד בסתר האט געוויינט אויף וואס ער טוט! ער האט געוויינט אויף דעם וואס ער קען זיך נישט גובר זיין אויף זיך, פארוואס ער קוקט אזוי אויס. ער איז געווען אן אנדערער סארט יהודי אינעווייניג אין זיך, פון דעם וואס ער איז געווען אינדרויסן.

*

**- יהודי אינו משנה מדרכי התורה בכל מצב שהוא -**

**די** גמרא (מגילה יד.) זאגט, אז עס איז אויפגעשטאנען פאר יודען מ"ח נביאים ושבע נביאות, ולא פחתו ולא הותירו על כל מה שכתוב בתורה. אונז האב מיר א תורה וואס מען קען נישט דערצו צולייגן, און מען קען נישט דערפון אראפנעמען. אין אלע יארן פונעם גלות, האט זיך קיין שום זאך אין די תורה נישט געטוישט ביי אונז. אונז האב מיר איין תורה, און פון די תורה רוקט מען זיך נישט אוועק. עס איז נישט קיין נפקא מינה אין וואס פאר א מצב מען איז, און וואס פאר א נסיון מען האט, דאס איז אונזער תורה, וואס פון דעם גייען מיר נישט אוועק. לא פחתו ולא הותירו, אפילו נביאים קענען נישט צוגעבן צו די תורה. עס זאל אויפשטיין א נביא און זאגן, מען דארף טון אנדערש ווי עס שטייט אין די תורה, אראפ מיט דעם נביא, אויס נביא.

**איך** האב געזעהן שטיין דעם פורים, ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו, כי הגידו לו את עם מרדכי (אסתר ג-ו). קודם האט המן געטראכט, אז יודען ציען זיך נאך זייער מנהיג, און אז מרדכי איז לא יכרע ולא ישתחווה, וועט זיך קיינער נישט בוקן פאר אים. ער וועט אוועקנעמען דעם מרדכי, און אז ער וועט זיך גובר זיין אויף מרדכי, וועט זיך גאנץ כלל ישראל בוקן פאר אים, מען דארף זעהן מסלק צו זיין דעם מרדכי. האט מען אים געזאגט, ניין, עס וועט דיר גארנישט העלפן אז מרדכי וועט זיך בוקן פאר עבודה זרה, מען וועט זאגן, דער מרדכי איז א שייגץ, אונז גיי מיר נישט נאכטון וואס מרדכי טוט. ויבז בעיניו לשלוח יד במרדכי לבדו, עס איז אים נמאס געווארן אז ער זאל הרג'נען מרדכי. אפילו איך וועל זיך גובר זיין אויף מרדכי, איך וועל אים צווינגען ער זאל זיך בוקן צו מיר, דאס וועט דאך גארנישט העלפן, כי הגידו לו, מען האט אים געזאגט, עם מרדכי, דער פאלק פון מרדכי איז א אנדערער פאלק, זיי בייגען זיך נישט פאר גארנישט. ביי אונז איז נישט דא אזא זאך אז אונז בייג מיר זיך אוועק פון די תורה. לא פחתו ולא הותירו, די נביאים האבן גארנישט אוועקגענומען פון דעם וואס עס שטייט אין די תורה. אונז טויש מיר זיך נישט פון וואס עס שטייט אין די תורה.

**ויהי** כאמרם אליו יום ויום ולא שמע אליהם (אסתר ג-ד), מען האט אים געזאגט יעדן טאג, טאג נאך טאג, און ער האט נישט צוגעהערט. וואס האבן זיי אים געזאגט? מען האט אים געזאגט, עס איז דא יום ויום, עס איז דא א טאג וואס מען קען האלטן די תורה, און עס איז דא א מצב וואס מען דארף עפעס מוותר זיין. עס איז דא אזא יום און עס איז דא אזא יום. ויהי כאמרם אליו, ווען מען האט געזאגט פאר דעם מרדכי, אמת מען דארף זיך נישט בוקן פאר עבודה זרה, אבער יעצט איז א אנדערער וועלט, עס איז דא א המן, און ער קען גוזר זיין להשמיד ולהרג ולאבד, און מען האט נישט קיין ברירה, מען דארף זיך בייגן פאר אים. איי די תורה זאגט אז מען טאר נישט, נו, עס איז דא תורה אין איין צייט, און עס איז דא תורה אין א צווייטע צייט. ויהי כאמרם אליו, מען האט אים

געזאגט, יום ויום, עס איז דא אזא טאג, און עס איז דא אזא טאג, ולא שמע אליהם, נישט דא ביי אונז אזא טאג און אזא טאג. איין טאג! לא פחתו ולא הותירו על כל מה שכתוב בתורה.

*

**- שירה להקב"ה חשובה יותר מכל העבודות -**

**די** גמרא (מגילה ג.) דרש'נט, והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור משפחה ומשפחה (אסתר ט-כח), וואס איז טייטש יעדע משפחה זאל האלטן פורים, אוודאי דארף יעדע משפחה האלטן פורים. דרשנ'ט די גמרא, אז משפחה ומשפחה גייט ארויף אויף משפחות כהונה ולויה, אפילו כהנים ולויים וואס דארפן טון די עבודה אין בית המקדש, דארפן אויך האלטן פורים און ליינען די מגילה. מבטלין עבודת בית המקדש, כדי לשמוע מקרא מגילה. מכאן סמכו של בית רבי, אז מען דארף מבטל זיין תורה פאר מקרא מגילה, ווייל מה דאך עבודה וואס איז חשוב'ער איז מען מבטל, דארף מען תורה אוודאי מבטל זיין. - הא גופא קשיא, ווי קען זיין אז מקרא מגילה זאל זיין פריער פון עבודה און פון תורה, ותלמוד תורה כנגד כולם (פאה א-א), און מקרא מגילה קומט פריער?

**פון** וואו לערן איך אראפ אז מען דארף ליינען די מגילה? פון שירה. מה דאך מעבדות לחירות האט מען געזאגט שירה, איז דאך כל שכן ממות לחיים דארף מען אוודאי זאגן שירה. איז ביי שירה אויך אזוי די הלכה, אז מען דארף מבטל זיין עבודה כדי צו זאגן שירה? אפשר יא. ווייל עס קען דאך נישט זיין, אז דער לימוד זאל זיין שטערקער פון וואו מען לערנט עס אראפ. אויב אונז זאג מיר, אז גאנץ מקרא מגילה ווייסט מען נאר פון שירה, קען דאך עס נישט זיין בעסער פון שירה. איז דאך דער טייטש, אז שירה זאגן פארן אייבערשטען איז אזוי חשוב פארן רבונו של עולם, אז עס איז מבטלין מקרא מגילה און עבודת בית המקדש צו זאגן שירה פאר א נס וואס עס האט פאסירט.

**סך** הכל. דאנקן דעם אייבערשטען, זאגן שירה אויף וואס דער רבונו של עולם טוט פאר דיר פערזענליך, זאלסט וויסן אז עס איז חשוב'ער צו דאנקן דעם אייבערשטען, ווי צו זיצן און לערנען א בלאט גמרא.

עס איז חשוב'ער צו זינגען פארן אייבערשטען, פון צו טון די עבודה אין בית המקדש. עס איז חשוב'ער, מבטלין תלמוד תורה און עבודה, פאר מקרא מגילה, פאר פרסומי ניסא, פאר דאנקען דעם אייבערשטען!

**איך** וויל ארויסברענגען דעם געוואלדיגן חשיבות, דער אייבערשטער טוט דאך פאר אונז אזויפיל גוטס, אזויפיל ניסים ונפלאות, **אונז דאנק מיר נישט גענוג דעם אייבערשטען דערפאר! סתם זאגן, עס מוז נישט זיין קיין דאווענען, דו זיצט ביי דיר אין שטוב, קענסט זיצן ביים קאמפיוטער, נישט קיין נפקא מינה, זאג, 'רבונו של עולם, איך דאנק דיר פאר דעם וואס דו טוסט מיר גוטס, וויפיל חסד ה' איך האב פון דיר, וויפיל גוטס דו טוסט מיר'.** שירה פארן אייבערשטען איז אזוי חשוב. מקרא מגילה, זאגן שירה פארן אייבערשטען, איז חשוב'ער פון תורה און עבודת בית המקדש! דאנקן דעם אייבערשטען דאס איז די חשוב'סטע זאך וואס א מענטש קען טון. דאנקען דעם רבונו של עולם פאר דעם גוטס וואס דער אייבערשטער טוט מיט דיר.

**אילו** פינו מלא שירה כים, ולשוננו רנה כהמון גליו, אין אנו מספיקין להודות לך ה' אלקינו, אונז האב מיר נישט גענוג ווערטער אין מויל וואס מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען. און דאס איז דער יום טוב פון פורים, דאנקן דעם רבונו של עולם. דאנקן דעם רבונו של עולם פאר די טובות וואס דער אייבערשטער טוט, דאס איז א חלק פון אמונת ה'! דו גלייבסט אז עס איז דא א רבונו של עולם וואס ער גיט דיר אלעס וואס דו דארפסט צו האבן. בא חבקוק והעמידן על אחת, וצדיק באמונתו יחיה. אמונה, גלייבן אינעם אייבערשטען, דאס איז די שפיץ פון יעדן יוד! אן אמונה איז נישט דא קיין תורה, איז נישט דא קיין מצוות.

**עס** איז דא דיעות אין די ראשונים, אז אנכי ה' אלקיך איז נישט קיין מצוה, מען קען נישט הייסן גלייבן אינעם אייבערשטען. אן דעם וואס דו גלייבסט אין אייבערשטען, הייבט זיך נישט אן די גאנצע מעשה. איז דאך נישט דא קיין תורה, איז דאך נישט דא גארנישט. אנכי ה' אלקיך דאס איז די הקדמה פאר אלעם. שירה פארן אייבערשטען, דאס ברענגט ארויס דעם אנכי ה' אלקיך. איך גלייב אין רבונו של עולם, עס איז נישט דא קיין שום זאך אויף די וועלט וואס

טוט זיך פון זיך אליין, אלעס קומט פון דיר. עס איז דא אן השגחה פרטית פונעם רבונו של עולם וואס ער טוט פאר יעדן מענטש בפרטיות. ווען דו ביסט אראפגעקומען אויף די וועלט, איז שוין דא א פונקטליכע רשימה אויבן אין הימל, וואס עס גייט אויף דיר אדורכגיין! עס מאכט זיך נישט יעצט, עס איז שוין אויף אלעם דא א בלויפרינ"ט פון פריער. יא, יעדע ביזנעס האט א בלויפרינ"ט פאר דעם צו וואס מען וויל אנקומען, דעם רבונו של עולם'ס בלויפרינ"ט איז אויך די זעלבע. יעדע נשמה וואס ער שיקט אראפ, איז אויסגעשריבן פונקטליך וואס עס דארף אויף אים אדורכגיין. און דאס דארף א יוד דאנקן דעם אייבערשטען, אשרינו מה טוב חלקינו, וואויל איז אונז אז מיר זענען יודען, ומה נעים גורלינו, וואויל איז אונז אז מיר זענען חסידים. ומה יפה ירושתינו, א יעדער איינער איז א חסיד פאר זיין רבי'ן.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אונז זאל מיר קענען מקבל זיין שטענדיג תורה און עבודת ה', דינען דעם אייבערשטען, אפגעבן שירות ותשבחות פארן רבונו של עולם. בא חבקוק והעמידן על אחת, וצדיק באמונתו יחיה, לעבן מיט אמונה! אז מען לעבט מיט אמונה איז עס א אנדערער סארט לעבן. מען דאנקט דעם אייבערשטען אויף יעדע זאך וואס דער אייבערשטער טוט, מען ווייסט עס טוט זיך גארנישט אליין.

*

- צדיק באמונתו יחיה -

**איך** האב געהאט א פעטער, דער **קאטמונ'ער רב ז"ל,** איך האב זייער אסאך מקבל געווען פון אים, ווייל ער האט זיך אסאך געדרייט ביי אונז אין שטוב. ער איז געווען זייער א קלוגער יוד. ער פלעגט אייביג צו זאגן, אז **געוועגליך ווען א מענטש טוט זאכן, און נאכדעם קומט אריין אין שכל, פארוואס האב איך אזוי געטון, איך וואלט געדארפט טון אנדערש, עס וואלט בעסער געווען ווען איך טו אנדערש. פלעגט ער צו זאגן, 'א שכל וואס קומט צו שפעט, איז בעסער אז עס זאל נישט קומען'! אז עס קומט צו שפעט האט מען עגמת נפש, ער הייבט דאך יעצט אן צו באמערקן אז איך האב פריער געטון א נארישקייט, און פארוואס האב איך עס געטון. ענדערש זאל עס נישט קומען, וועסטו נישט האבן קיין עגמת נפש** **דערויף.** [איך זאג עס וועגן דעם, עטץ זענטס יונג, און מען זאל וויסן, זאכן וואס איך פארצייל ענק, איז זאכן וואס איך האב געהערט ביי די צען-עלעף-צוועלף-דרייצן יאר. איך האב נישט פארשטאנען אפילו דעמאלטס וואס איך הער, אבער עס איז געבליבן ביי מיר אין זכרון, און ברבות הימים הייב איך אן צו לערנען פשט אין די אלע ווערטער וואס איך האב געהערט. מען זאל וויסן די חשיבות, עטץ זאלטס האבן אויערן מקבל צו זיין. אפילו מען פארשטייט נישט יעצט, דארף מען עס אריינגעמען אין זיך].

**איך** מיין אז דער ווארט איז נישט אמת. **שכל וואס קומט צו שפעט, איז א סימן עס האט געדארפט צו זיין אזוי ווי עס איז געווען פריער. וועגן דעם האסטו נישט געהאט דעם שכל פאר דעם, כדי דו זאלסט וויסן, שלינג עס אראפ! עס איז אזוי אדורכגעגאנגען. דער אייבערשטער האט דאך געקענט אריינגעבן די מחשבה אין קאפ פריער, פארוואס האט ער עס דיר אריינגעגעבן שפעטער? כדי דו זאלסט וויסן, איך האב אויך געהאט דעם חשבון. וואס דו ווייסט, ווייס איך אויך, דער אייבערשטער איז א יודע מחשבות, ער האט אויך פריער געהאט די חשבונות וואס דו האסט שפעטער, און ער האט עס נישט צוגעברענגט צו דיר, איז א סימן אז דו האסט עס נישט געדארפט האבן. עס האט געדארפט צו זיין אזוי ווי עס איז געווען פריער!** - עס איז א געוואלדיגע נקודה פון צדיק באמונתו יחיה. נישט האבן קיין שברי לב אויף קיין שום זאך וואס איז געשעהן. אז עס איז נישט אזוי געווען, איז א סימן אז עס האט נישט געדארפט אזוי צו זיין.

**אסאך** מאל זאג איך פאר יואל'י (משב"ק), איך וויל רעדן צו דעם מענטש, אויב ער איז דא אין בית המדרש, רוף אים צו. און ער קומט צוריק, און ער זאגט, אז ער איז נישט דא. פארשטיי איך, אז איך דארף עס אים נישט זאגן, און איך רוף אים נישט שפעטער. פארוואס איז ער נישט דא? פארוואס איז עס מיר פונקט איינגעפאלן אז איך דארף צו אים רעדן? איז א סימן, אז פון הימל וויל מען נישט אז איך זאל אים זאגן די זאך, זאג איך אים נישט.

**א** מענטש דארף לעבן מיט אמונה און השגחה פרטית. וויסן אז דער רבונו של עולם פירט אלעס.

אז מען דארף זאגן, העלפט דער אייבערשטער, און ער גיט אז מען זאל איוספירן וואס מען דארף. אז מען דארף נישט זאגן, טוט דער אייבערשטער צופירן אז מען זאל נישט דארפן זאגן. - **קיינמאל נישט חרטה האבן אויף א זאך וואס איז אדורכגעגאנגען! וואס איז טייטש דו האסט חרטה אויף וואס עס איז אדורכגעגאנגען? דו האסט דען געפירט ביז אהער, און דו האסט חרטה יעצט אויף וואס עס איז געווען?! ביז אהער האסטו זיך אויך נישט געפירט אליין, דער רבונו של עולם האט דיך געפירט! דער אייבערשטער האט דיך געפירט, און עס דארף נישט צו זיין אזוי ווי דו ווילסט עס זאל זיין. מאך שלום מיטן מצב! מיטן הימל שלאגט מען זיך נישט! אז דער אייבערשטער וויל אזוי, דארף מען עס מקבל זיין באהבה!**

*

**- כשיש אחדות אין שום פגע רע -**

♦ הבדחן סיפר שבשנה שעברה בסעודת פורים אמרו ביחד פיטום הקטורת, **ורבינו שליט"א** אמר שכל מי שנוכח שם לא יפגע בו המחלה. ובדרשה שאמר **רבינו** בפתיחת הבית המדרש, אמר שצריכין להודות במיוחד שבבית מדרשנו לא נפקד ממנו איש. ואמר הבדחן שמצא ראיה לזה ממשנה במסכת נגעים (יב-א) שנגעי בתים אינו בבית עגול. ובית מדרשנו היא בית עגול, ומהאי טעמא לא שלטה הנגע בבית המדרש שלנו.

**והוסיף רבינו:** פארוואס איז נישט דא קיין נגעים אין א בית עגול? ווייל עס שטייט אין **בני יששכר** (אב ד-א), אז א עיגול ווייסט אויף אחדות. עס איז נישט דא קיין אויבן-אן, עס איז נישט דא קיין אונטען. יעדע עיגול ווייזט אז מען איז מחשיב יעדן יוד אייניג. אין א פלאץ וואו עס איז דא אחדות, איז נישט דא קיין נגעים.

*

**- תאוות הממון -**

♦ כשהבדחן אמר שגנב אחד אמר פעם, שהלא האדם הוא אלקות, והברזל היא אלקות, והמעות היא אלקות, ואין נפקא מינה אצל איזה אלקות נמצא המעות. הוסיף **רבינו:** וואס פארשטייסטו נישט? דו האסט געזעהן אמאל א עושר וואס האט אסאך געלט, ער האט מיליאנען דאלערס, און ער האט א חבר וואס האט אויך מיליאנען דאלערס,ביידע זענען עשירים. און זיי קריגען זיך אויף א ביזנעס, ער זאגט מיר קומט די צען טויזנט דאלער, און דער זאגט פאר מיר קומט די צען טויזנט דאלער. אויף וואס קריגען זיי זיך? זיי קריגען זיך, צו עס זאל זיין אין זיין באנק אקונ"ט, אדער אין יענעמס באנק אקאונ"ט. עס בלייבט ממילא אין די באנק, ביידע זעהן נישט דאס געלט, עס איז נאר א חילוק אין וועמענס אקאונ"ט עס זאל זיין. זעהסטו אז עס איז יא חילוק. עס ליגט טאקע אין דעם זעלבן באנק, ער וויל אבער אז עס זאל ליגן אין זיין אקאונ"ט, און נישט אין יענעמס.

*

**- לעתיד כולם יכירו וידעו כי לה' המלוכה -**

♦ אחר שזימרו הניגון וידע כל פעול, פתח **רבינו שליט"א** בשיחת קדשו: וידע כל פעול כי אתה פעלתו, ויבין כל יציר כי אתה יצרתו. מען רעדט פון לעתיד לבוא, וואס דעמאלטס וועט יעדער פארשטיין, כי אתה פעלתו. און יעדער וועט פארשטיין, כי אתה יצרתו. און יעדער וועט זאגן, ה' אלקי ישראל מלך, דאס וועט זיין לעתיד. מען רעדט נישט פון קיין יודען, מען רעדט פון יעדן גוי, יעדער פעול, יעדער איינער וועט פארשטיין דעם כי אתה יצרתו.

**אונז** יודען דארף מיר נישטווארטן אויף דעמאלטס ווען עס וועט זיין וידע כל פעול, אונז ווייס מיר שוין. ביי אונז וועט נישט נתחדש ווערן קיין שום נקודה, ווען משיח וועט קומען, פון וואס אונז ווייס מיר יעצט. עס וועט נתחדש ווערן דעמאלטס, והיה ה' למלך על 'כל' הארץ, ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד. אבער וואס איז נוגע פאר אונז, אונז דארף מיר אויך 'היינט' וויסן, וידע כל פעול כי אתה פעלתו, יעדער דארף וויסן אז דער אייבערשטער האט אים באשאפן, ויבין כל יציר כי אתה יצרתו, ויאמר כל אשר נשמה באפו, דו קענסט אטעמען, דארף ער זאגן, ה' אלקי ישראל מלך.

**עס** איז דא א ווארט פונעם **גר"א**, וואס איז דער חילוק צווישן א מושל און א מלך? א מושל איז דער טייטש, איינער וואס מען דארף אים נישט האבן אויף זיך, ער באצווינגט יענעם. א דיקטאטור, ער איז א מושל אויף יענעם. א מלך איז דער טייטש, וואס מען האט אים מקבל געווען ברצון, דער איז א מלך.

דער אייבערשטער איז היינט א מושל בכל הארץ, ער האט באשאפן די וועלט. ביי די אומות העולם איז ער נאר א מושל, מען האט אים ארויפגעצווינגען אויף זיי. אבער והיה ה' 'למלך' על כל הארץ, ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד, יעדער וועט מקבל זיין די מלוכה פונעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין.

**כמדומה** אז עס שטייט פון גר"א, אז די ברודער האבן געזאגט פאר יוסף, המלך תמלוך עלינו אם משול תמשול בנו (בראשית לז-ח). 'המלך תמלוך עלינו', דו טראכסט אז דו וועסט זיין א מלך אויף אונז? א מלך איז מיט א רצון, אויף דעם זענען מיר נישט גרייט. 'אם משול', אויב דו ווילסט זיין א מושל, 'תמשול בנו', ער האט דאך געוויזן אז יעדער בוקט זיך פאר אים, א דיקטאטור צווינגט ארויף זיין ממשלה אויף יעדן איינעם.

**לעתיד** לבוא וועט זיין, והיה ה' למלך על כל הארץ, אלע אומות העולם וועלן מכיר זיין די גרויסקייט פונעם אייבערשטען. ונזכה ונחיה ונראה, דער בית המדרש וועט זיין פיל מיט גויים אי"ה, יעדער וועט אריינקומען אי"ה, דינען דעם אייבערשטען. יעדער וועט פארשטיין דאס גרויסקייט פונעם רבונו של עולם. והיה ה' למלך על כל הארץ, מען וועט מקבל זיין דעם מלכות שמים מיטן גאנצן הארץ. דאס איז נאר לעתיד. אבער אונז דארף מיר נישט ווארטן אויף דעם, אונז האב מיר שוין דעם אייבערשטען פאר א מלך. ביי אונז איז שוין דער וידע כל פעול כי אתה פעלתו, ויבין כל יציר כי אתה יצרתו. א יוד לעבט מיט דעם, דאס איז זיין גאנצער חיות, אלעס קומט פונעם רבונו של עולם, עס איז נישט דא קיין זאך וואס עס טוט זיך אליין אפ אויף די וועלט, אלעס איז פונעם אייבערשטען. און דער אייבערשטער איז אונזער מלך, ער פירט אונז, מיר זענען גליקליך, אונז דאנק מיר דעם רבונו של עולם, דער באשעפער איז אונזער מלך, אונז דארף מיר נישט ווארטן והיה ה' למלך על כל הארץ. 'על כל הארץ' דארף מען ווארטן עס זאל זיין והיה ה' למלך, אבער פאר אונז איז שוין דער אייבערשטער א מלך יעצט.

**אוי** טייערע יודען, טייערע יודען, טייערע יודען, עטץ האטס אזא זכות, אזא זכות, איך בין מיך כולל, און איך פריי זיך, אז איך בין א חלק פונעם כלל ישראל. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, אז מיר זענען א חלק פונעם כלל ישראל! אזא גרויסן באשעפער, דער באשעפער האט אונז אויסגעקליבן, אשר בחר בנו מכל העמים, ונתן לנו את תורתו, דער באשעפער האט אונז אויסגעקליבן פון אלע פעלקער, ער האט אונז געגעבן די תורה, מיר זענען פרייליך אז מיר זענען א חלק פונעם כלל ישראל, זאלן מיר זוכה זיין צו זעהן דעם והיה ה' למלך על כל הארץ, ביום ההוא יהיה ה' אחד ושמו אחד.

*

**- לקבל הדרכה ומוסר בשנות הנעורים -**

♦ כשהגישו לפני **רבינו שליט"א** המתנה של בחורי הישיבה, מגש של כסף, ושלחן ערוך הלכות שבת בכריכת עור (מהדורת הדרת קודש, ה' כרכים), הגיב **רבינו שליט"א**: יישר כוחכם, איך וויל באדאנקן פאר די אלע בחורים וואס האבן מיר געגעבן די מתנה. נישט ווייל איך בין אויסגעהונגערט אויף די מתנה, נאר איך דאנק פאר די הכרת הטוב וואס ליגט אין ענק, אז עטץ פארשטייטס אז מען דארף געבן א מתנה. דאס איז א עקסטערע חסד ה'. **א יוד דארף וויסן, מען דארף מכיר טובה זיין פאר א צווייטן וואס העלפט אים ארויס אין אלעם וואס ער דארף האבן, און כל שכן ביי בחורים, וואס זענען אין אנהייב פון זייער לעבן, זיי שטעלן יעצט די ערשטע פוס ווי אזוי מען דארף ערצויגן ווערן. יא, עס איז דא אן הכרת הטוב פאר זייער רבי'ן, הכרת הטוב פאר זייערע עלטערן, וואס די עלטערן טוען זיי צוברענגען דערצו אז זיי קענען זיצן און לערנען באהלה של תורה. מען דארף דאנקן דעם אייבערשטען דערויף, מען דארף דאנקן פאר די עלטערן דערויף, וואס האבן זיי צוגעברענגט דערצו.**

**איך** בין שוין נישט קיין יונגערמאן. איך האב שוין א ווייסע באָרד. איך בין שוין זייער אסאך אדורכגעגאנגען אין מיין לעבן, און ב"ה איך דאנק דעם אייבערשטען פאר דעם וואס איך האלט דא. איך פרוביר שטענדיג איבערצוגעבן אלעס וואס איך האב מקבל געווען פון מיינע רבי'ס, פון די יוגענט אן, ביז היינט. איבערצוגעבן פאר די וואס הערן אויס וואס איך האב צו רעדן צו זיי.

**דער סאטמארער רב זי"ע** פון ווען ער איז נישט געזונט געווארן, האלטן מיר יעצט דריי און פופציג

יאר. איך האב נישט אסאך מקבל געווען פון שפעטער, איך רעד נאר פון די יארן פון וואס איך האב אים יא געקענט. - נישט געקענט, על כל פנים זיך געדרייט דארט, - און דעם רושם וואס עס האט איבערגעלאזט אויף א יונגן בחור, איך בין געווען א בחור, איך האב חתונה געהאט א יאר פאר ער איז קראנק געווארן. ער איז ב"ה געווען ביי מיין שבע ברכות, ער איז געקומען אין שטוב פון מיין טאטע ביי אונזער שמחה. און אלעס וואס איך געדענק, געדענק איך פון אלס בחור, ווען איך בין אלט געווען עלף-צוועלף-דרייצן-פערצן-פופצן יאר. ביי די פופצן יאר בין איך אוועקגעגאנגען לערנען אויף נייטרא, איך בין א גאנצן ווינטער נישט געווען דא אין שטאט. אבער פון די יארן וואס איך בין אלט געווען עלף און צוועלף און דרייצן יאר, האב איך כמעט נישט פארפעלט קיין טיש פון אלע שבתים. און דער רושם וואס דאס האט איבערגעלאזט, לאזט זיך גארנישט זאגן.

**פארוואס** זאג איך עס? מען זאל וויסן, מען איז יונג, **פרייטס ענק אז עטץ האטס נאך פון וועם צו הערן. מען זאל זיך פרייען אז מען האט נאך אויף וועם ארויפצוקוקן. עס איז נאך דא ווייניג וואס מען קען אזוי מקבל זיין, און עס לאזט איבער א רושם! עס לאזט איבער א רושם!** די צדקות און די קדושה וואס אונז האב מיר נאך זוכה געווען צו זעהן, דאס איז היינט נישט דא! אסאך מאל שטיי איך, און באמת איך גיס טרערן, איך וויין וואס היינטיגע יונגווארג זעהען. וואס זעהען זיי? זיי זעהען דאך שוין גארנישט! זיי זעהען דאך שוין נישט קיין שום זאך וואס עס איז געווען פונעם פריער'דיגן דור. אונז האב מיר נאך זוכה געווען צו קענען צדיקים פונעם פריערדיגן דור. וואס זיי האבן נאך מקבל געווען פון פריערדיגע זקנים, און זיי האבן עס איבערגעגעבן.

**עס** איז אדורך א קריג, און וויפיל זענען געבליבן? עס איז געבליבן פון דעמאלטס וואס מען קען זיי ציילן אויף די פינגער. און מען האט זוכה געווען מקבל צו זיין פון זיי, און דאס גיט מען איבער ווייטער פאר די דורות. **מען דארף דאנקן פארן אייבערשטען, אז מען האט נאך פון וועם מקבל צו זיין. מען האט פריער גערעדט, אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים גורלינו, וויסן אויסצונוצן יעדעס ווארט וואס מען הערט, וויסן אויפצונעמען דערפון.**

**איך** בין שוין נישט קיין יונגערמאן, ווילאנג מיינט עטץ איך וועל זיך דרייען דא אויף די וועלט? איך ווייס נישט ווילאנג. וויפיל דער רבונו של עולם וועט וועלן, ווי אזוי דער רבונו של עולם וועט וועלן אי"ה. איך פלעג צו זאגן, איך בין אמאל געווען ביי א לויה מיט **מיין טאטען ז"ל**, ביי א גרויסן ערליכן יוד, ער איז קראנק געווארן פלוצלינג פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט, און איך בין געווען ביי די לויה. זאג איך פאר מיין טאטע ז"ל, א שאד נעבעך אז ער איז אזוי קראנק געווארן פלוצלונג פון איין מינוט אויף די צווייטע, און ער האט נישט געמאכט קיין הכנה, זיך צוצוגרייטן אוועקצוגיין פון די וועלט ווי עס דארף צו זיין. און מיין טאטע ז"ל זאגט מיר, דו ביסט נאך יונג, דו ווייסט נישט אז ווען מען קומט אין די עלטערע יארן, טראכט מען פון דעם יעדן טאג?! ער איז נישט אוועק פלוצלינג, ער לעבט שוין מיט דעם אסאך יארן.

**איך** בין געווען דעמאלטס א יונגערמאן, און איך האב עס אנגעקוקט אלץ א גרויסע מדריגה, אז מען טראכט דערפון יעדן טאג. איך זאג ענק היינט, אז עס איז נישט קיין מדריגה! איך טראכט דערפון נישט יעדן טאג, נאר יעדע שעה! טראכט איך ווילאנג מען וועט זיך נאך דרייען אויף דעם עולם. מען דארף לעבן מיט א חשבון, מען דארף אויסנוצן די צייט וואס דער אייבערשטער האט געגעבן די זכיה אז מען לעבט, און מען קען טון מצות ומעשים טובים, מען קען מזכה זיין את הרבים, דאס איז די גאנצע לעבן פונעם מענטש, טראכטן וואס קען איך נאך אויפטון.

**עטץ** זענטס נאך יונגע קינדער, עטץ האטס נאך אי"ה אסאך יארן צו לעבן, נישט נאר אסאך יארן צו לעבן, נאר אסאך נסיונות אדורכצוגיין אין ענקער לעבן. עטץ ווייסט נישט וואס דאס מיינט אפילו, עטץ זענטס א תינוק שנשבו, עטץ האטס נאך נישט קיין השגה וואס דאס מיינט. **פרייען זיך אויף די יארן וואס מען זיצט אין בית המדרש, און מען קען מקבל זיין. מען קען זיצן אין א אויר פון תורה און עבודת ה', און מיטנעמען מיט זיך אויף די יארן שפעטער. מען דארף זיין גליקליך אויף די זמנים וואס מען האט, אז מען קען מקבל זיין, אויסהערן, יעדע ווארט וואס מען הערט, אויסהערן און אריינלייגן אין הארץ. מען פארשטייט עס נישט יעצט, אבער עס וועט קומען א צייט וואס מען וועט עס פארשטיין.**

**איך** האב אסאך זאכן געהערט ווען איך בין געווען יונג, אבער איך האב נישט משים לב געווען וואס דאס מיינט. אבער ווען מען איז עלטער געווארן, האט מען אנגעהויבן צו טראכטן דערפון, און אריינגיין דערין, און עס זעהט זיך ארויס אסאך אנדערע זאכן. מען דארף מקבל זיין און וויסן. אין פופציג יאר ארום וועט עטץ רעדן אזוי ווי איך רעד, אי"ה, יא, עטץ וועטס פארשטיין וואס מען האט געזעהן, וואס מען האט מקבל געווען, און ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. זאל דער אייבערשטער געבן אי"ה, מען זאל עס קענען אויסנוצן.

**מען** דארף טראכטן, הבל הבלים אמר קהלת, הכל הבל. קהלת האט עס נישט גענוג ארויסגעברענגט וויפיל דער הכל הבל איז. על מה אתה עמל, אויף וואס פלאגט מען זיך, אויף וואס? - עס שטייט אין די מגילה (אסתר ח-ז), הנה בית המן נתתי לאסתר, ואותו תלוי על העץ. איך האב געזעהן שטיין פון איינע פון די מפרשים, עס איז דאך געווען פארקערט, אותו תלוי על העץ, און נאכדעם הנה בית המן נתתי לאסתר? אז אחשורוש האט געוואלט אנלערנען דעם המן. בעפאר ער איז געשטארבן האט ער אים געזאגט, זאלסט וויסן אז דיין גאנץ פארמעגן גיי איך אוועקגעבן פאר מרדכי. המן האט זיך שוין געוואינטשן דעם טויט נאכדעם. הנה בית המן נתתי לאסתר, איך האב אוועקגעגעבן דעם גאנצן בית המן פאר אסתר. המן קוקט זיך אן, איך האב שוין נישט פאר וועם אהיימצוגיין, מיין הויז איז נישט מיינס, אלע מיינע עבדים זענען נישט מיינס, אלעס האט ער אוועקגעגעבן פאר אסתר. נאכדעם ואותו תלוי על העץ, דו האסט אלעס פארלוירן, און יעצט גייט מען דיך הענגען. - מען דארף דאנקען דעם אייבערשטען, ביז ווילאנג מען האט אלעס, און מען קען נהנה זיין דערפון, דאנקען דעם רבונו של עולם אויף אלעס וואס מען האט.

*

**- במעלת חבורת 'לגדור ולשמור' -**

♦ כשהגישו לפני **רבינו שליט"א** המטבעות להבחורים שחתמו בחבורת 'לגדור ולשמור', הגיב **רבינו שליט"א:** איך וויל זאגען אפאר ווערטער פאר די בחורים וואס זענען א חלק פון די חבורה פון 'לגדור ולשמור'. עס איז א געוואלדיגער זכות, אז אין די היינטיגע צייטן, וואס דאס איז דער נסיון פונעם דור, יעדער דור האט זיך זיין נסיון, די ענין פון טעכנאלאגיע איז די נסיון פון דעם דור! און **עס איז ביי מיר זייער חשוב יעדער בחור וואס האט זיך משתתף געווען דערין**, ער האט געמאכט פאר זיך גדרים וסייגים, אז ער האט נישט קיין שייכות דערמיט. ווילאנג ער דארף עס נישט האבן, ער איז דאך א בחור, **עס איז נישט דא קיין שום סיבה פארוואס א בחור זאל דארפן האבן א שייכות מיט די טעכנאלאגישע כלים.** דער אייבערשטער זאל ענק באצאלן. עטץ זאלטס וויסן, אז **דער אייבערשטער איז מחשיב יעדע זאך וואס א יוד טוט, און ווי שווערער עס קומט אים אן, אלץ גרעסער איז די חשיבות.** דער אייבערשטער זאל ענק געבן, עטץ זאלטס האבן די כוחות הנפש ווייטער אנצוגיין, און קענען זיין א חלק פון דעם. און ווער עס האט נאכנישט מקבל געווען אויף זיך, זאל זיך צושטעלן דערצו, און זיין א חלק דערפון. דער אייבערשטער זאל ענק באצאלן אי"ה בזה ובבא.

**איך** וויל עקסטער ארויסברענגען רבי לוי יצחק (לינדנער) זאל זיין געזונט, וואס האט ארגאניזירט דעם גאנצן ענין, און ער גיט זיך אוועק בלב ונפש. עס קאסט אסאך געלט, און פון דעסטוועגן דאך לייגט ער זיך אריין דערין, כדי יודישע קינדער זאלן זיך פירן בקדושה ובטהרה. זאל אים דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז ער זאל האבן אסאך כוחות דקדושה צוצוהעלפן דערצו. און ווער עס קען אים צוהעלפן האט א געוואלדיגען זכות, כדי מען זאל קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי הקדושה.

*

**- במחלת הקאראנ"א נפגם חוש הריח -**

♦ **רבינו שליט"א** הזכיר הגמרא (תענית כט.) בעל החוטם מתבקש. ואמר בטעם שנקרא בעל החוטם, דמבואר **בבני יששכר** (אדר ד-א) דבחטא אדם הראשון לא נפגם חוש הריח, שהיא דבר שהנשמה נהנית ממנו ולא הגוף (ברכות מג:) ע"ש. ולכן צדיק שאינו פוגם במעשיו, קרוי 'בעל החוטם' שהוא דוגמתו בלא פגם.

**מיר** ווייסן אז די חוש הריח איז נישט נפגם געווארן ביים חטא פון אדם הראשון. אלע חושים זענען נפגם געווארן אויסער ריח. א צדיק איז א בעל החוטם, ער איז אזוי ווי די בחינה פון ריח וואס איז נישט נפגם

געוואָרן. אַ ראיה, ווייל אין אונזער דור, וואָס דער אייבערשטער שטראָפט אונז ווייל מיר פירן זיך נישט אויף ווי עס דאַרף צו זיין, איז ביי קאַראָנ"ע פאַרלירט מען דעם ריח. צו ווייזן אַז דער ריח וואָס איז נישט נפגם געוואָרן, פעלט אונז.

*

- להתבונן בעת צרה לתיקון המעשים -

♦ אחר הדברי תורה, שכיון שמת המן נתבטל הגזירה, ושפיר יכלו להשיב את הספרים, אמר **רבינו שליט"א**: די נקודות הדברים איז. יעדע זאַך וואָס אַ יוד לערנט, דאַרף ער אַרויסנעמען אַ מוסר השכל, אַ געוויסע נקודה וואָס איז נוגע פאַר אים אויך. - גוים וואָס גלייבן אין גאָרנישט, פון דעסטוועגן דאָך ווען זיי האָבן גוזר געווען אַ גזירה, און זיי האָבן געזעהן אַז עפּעס האָט זיך געמאַכט נאָכדעם, עס האָט זיך נישט געפירט אַזוי ווי זיי האָבן געוואָלט. עס איז געשטאָרבן איינע פון די יועצים, האָט אַ גוי פאַרשטאַנען, אַז דאָס קען נישט זיין אַז דאָס זאָל זיין אַנגענומען אויבן אין הימל, און עס מוז זיין אַז מען דאַרף משנה זיין די גזירה. און אויב עס איז געשטאָרבן איינער פון די וואָס האָבן גוזר געווען די גזירה, האָט מען געמוזט משנה זיין אַלעס וואָס די גזירה האָט גוזר געווען. המן איז געשטאָרבן האָט מען געקענט משנה זיין די גזירה.

**אויב** אַזוי איז ביי אַ גוי, פאַרוואָס דאַרף נישט זיין ביי אונז יודען אַזוי? **אַז מען זעהט אַ זאַך פירט זיך נישט ווי עס דאַרף צו זיין, אַ מענטש זעהט אַז עס איז דאָ אַ זאַך ביי אים, וואָס עס איז אַרויסגעגאַנגען פונעם נאָרמאַלען וועג. - און יעדער האָט דערפאַר הונדערט משלים וואָס איז נוגע פאַר אים אַליין. - פאַרוואָס זאָל ער נישט טראַכטן, דאָס איז מיט אַ חשבון פונעם רבונו של עולם!** אַז אַ גוי קען טראַכטן נאָך אַ גזירה, אַז עס האָט נאָכדעם פאַסירט אַז איינער פון די יועצים איז געשטאָרבן, איז אַ סימן אַז די גזירה דאַרף נישט צו זיין. וויפיל דאַרף אַ יוד טראַכטן, אויב עס מאַכט זיך ביי אים אַ זאַך אינעם לעבן וואָס איז נישט אַזוי ווי ער האָט געוואָלט, אַז עס ליגט דערין אַ מעסידז"ש! עס געשעהט נישט קיין זאַך פון זיך אַליין. מען דאַרף טראַכטן ביי זיך, אַז דער רבונו של עולם האָט מיר דאָס צוגעפירט, דאָס קומט עפּעס צו דערמאָנען דעם מענטש. עס איז נישט מעגליך ווען אַלעס זאָל זיך פירן גוט, פאַרוואָס איז דאָ געווען אַ מכשול, פאַרוואָס האָט זיך דאָ נישט אויסגעשטעלט ווי עס דאַרף צו זיין.

**און** דאָס איז די נקודה וואָס מען דאַרף אַרויסנעמען דערפון. פון דעם וואָס מען זעהט וואָס האָט פאַסירט ביי המן, אַז ווייל עס האָט פאַסירט אַזאַ עונש אויף המן, האָט אחשורוש פאַרשטאַנען אַז עס קען נישט זיין אַז די גזירה זאָל זיין אַ ריכטיגע גזירה. אַז מען האָט צוגעפירט פון הימל, אַז עס זאָל זיין אַזאַ מכשול פאַר המן, איז אַ סימן אַז מען דאַרף מבטל זיין די גזירה. און נישט נאָר מבטל זיין די גזירה, נאָר עס איבערדרייען מקצה אל הקצה. וואָס אחשורוש האָט פאַרשטאַנען, דאַרף יעדער יוד פאַרשטיין.

**ישראל** קדושים, הייליגע יודען, טייערע יודען, איך האָב ליב יעדן יוד אהבת נפש! מיטן גאַנצן האַרץ! מען דאַרף זיך מתבונן זיין, מען לעבט אין אַ שווערן זמן, מען לעבט אין אַ זמן וואָס מיר האָבן אַזויפיל נסיונות, און אַזויפיל פּראָבלעמען, עס גייט אַרום אַ מחלה אין די גאַנצע וועלט. נישט נאָר אויף איין מקום, נאָר אין די גאַנצע וועלט. און ב"ה אונז לעב מיר, מיר זענען דאָ, מיר זיצן אָן די מאַסקעס, מיר זיצן אָן סאָשע"ל דיסטענ"ס, און ב"ה מיר זענען געזונט און שטאַרק, אונז פיר מיר אַלעס ווי עס דאַרף צו זיין. מען דאַרף טראַכטן אַמאָל ביי זיך, אַז טאָמער גייט אים אַ זאַך נישט ווי עס דאַרף צו זיין, שטעל דיך אָפּ! זאָג נישט אַז עס איז אַ מקרה! זאָג נישט אַז עס האָט פאַסירט אַזוי! טראַכט, אפשר איז דאָ אַ זאַך אין מיין לעבן וואָס איך דאַרף טוישן. און יעדער יוד קען טרעפן ביי זיך אַ זאַך וואָס ער דאַרף טוישן.

**אַ** מענטש וועט זאָגן, איך דאַרף טוישן אַ גאַנצן באַרג. מען בעהט נישט פון דיר קיין גאַנצן באַרג, ניין. איין זאַך! נעם אויף דיר איין גוטע זאַך צו טוישן, און ביי דעם זאָלסטו זיך האַלטן. דאָס זאָל זיין אַ זאַך וואָס איך האָב גענומען אויף מיר, איך האָב געזעהן אַ פּראָבלעם. דער רבונו של עולם איז אַ גוטער! עטץ ווייסט גאָרנישט ווי גוט דער רבונו של עולם איז, ער בעהט נישט פון אונז קיין סאַך, ער בעהט נישט פון אונז, אונז זאָל מיר טון זאַכן וואָס אונז קען מיר נישט, אין הקב"ה בא בטרוניא עם בריותיו.

קלייניגקייטן וואס דו קענסט יא, שטרענג דיך אן צו טון די זאך, וועט מען זעהן אז עס וועט אריינקומען נאכדעם א ברכה און הצלחה אין וואס מען טוט.

**דער** אייבערשטער זאל אונז געבן, אונז זאל מיר האבן דעם שכל דערצו, אריינצוטראכטן אין יעדע זאך וואס עס פאסירט. וויסן אז דאס איז מן השמים; עס איז נישט א מקרה; עס איז נישט עס האט פאסירט; עס איז נישט א זאך וואס די גאנצע וועלט גייט ארום, האט עס פאסירט ביי מיר אויך; איך בין אויך נעבעך אריינגעפאלן אין די פראבלעמען וואס די וועלט האט. מען פאלט נישט אריין אין קיין פראבלעמען; עס איז נישט דא קיין זאך וואס עס געשעהנט פון זיך אליין; אלעס איז מיט א חשבון מן השמים!

**ווען** א יוד לעבט מיט דעם, און טראכט פון דעם, דאס ברענגט אים אז ער זאל נתקרב ווערן צום רבונו של עולם. מיט אזא שיינעם באשעפער, א גרויסן באשעפער, א הייליגער גאט, וואס טוט אונז ארויסהעלפן אין אלעם וואס אונז דארף מיר האבן. אביסעלע זיך צושטעלן, אביסעלע טון וואס דער רצון פונעם אייבערשטען איז, וועט מען זעהן אסאך ישועות. והימים האלה נזכרים ונעשים בכל דור ודור, אזוי ווי אין יענע טעג איז געווען ישועות. אין טבע אליין, מען האט נישט געדארפט משנה זיין די טבע, נישט קיין נסים מן השמים, אין טבע האט דער אייבערשטער משנה געווען, אין טבע אליין קען דער אייבערשטער צושיקן, ער איז א בורא רפואות, ער באשאפט רפואות! וואס דער דאקטער זאגט, אז ער האט נישט קיין וועג צו היילן. דער דאקטער האט נישט קיין וועג צו היילן, אבער דער בורא רפואות האט א וועג צו היילן. זאלן מיר זיך אלע פארלאזן נאר אויפן אייבערשטען, השלך על ה' יהבך, ווארף זיך ארויף אויפן רבונו של עולם, ווארף זיך ארויף אויפן אייבערשטען, והוא יכלכלך, וועסטו זעהן ווי אזוי דער אייבערשטער וועט דיר העלפן.

**דער** אייבערשטער זאל אונז געבן אי"ה, אונז זאל מיר קענען זוכה זיין צו אלע ברכות און ישועות. מען האט פריער גערעדט, עס איז היינט פורים אין הימל! ירושלים איז מיטן אייבערשטען צוזאמען, מיר זענען צוזאמען מיט ירושלים. יעדער יוד איז צוגעבינדן צו ארץ ישראל, יעדער יוד איז א חלק פון ארץ ישראל, נישט קיין חילוק ווער עס איז דער מושל דארט היינט, עס איז טאקע ציונים, מינים און אפיקורסים, וואס זיי זענען די מושלים אויף ארץ ישראל, עס האט נישט צו טון מיט אונז. זיי זענען די מושלים, אבער ארץ ישראל איז א ארץ קדושה. מיר זענען צוגעבינדן צו די קדושה וואס עס איז דא אין ארץ ישראל. און אז היינט איז דארט פורים, איז אין הימל אויך פורים. מיר האבן היינט דעם כח פון והימים האלו נזכרים ונעשים בכל דור ודור.

**איך** ווינטש פאר יעדן איינעם, דער אייבערשטער זאל ענק העלפן, ער זאל ממלא זיין כל משאלות לבבכם לטובה, יעדער זאל געהאלפן ווערן מיט וואס מען דארף צו האבן. פרנסה בהרחבה, זרעא חיא וקיימא, שידוכים פאר יעדן איינעם וואס דארף האבן, נחת ביי די קינדער וואס מען דארף האבן, הרחבת הדעת דקדושה אין אלע ענינים, מתוך שמחה וטוב לבב אי"ה.

*

**- לברך את עמו ישראל באהבה -**

**רבינו שליט"א** בירך את קהל הנאספים בברכת כהנים, ואמר: אין די ברכות פון כהנים איז כלול אלע ברכות. מען דארף וויסן יעדען יום טוב, ווי חשוב עס איז די ברכה וואס די כהנים געבן פאר יודען. מען דארף משים לב זיין צו די ברכה, מען דארף שטיין פנים כנגד פנים, און וויסן מקבל צו זיין די ברכה. אלע ברכות וואס איז שייך, האט די תורה אריינגעלייגט אין די ברכה! עס איז נישט מעגליך אז דער אייבערשטער האט געגעבן א מצוה פון ברכת כהנים, וואס עס זאל נישט זיין דערין כלול יעדע ברכה וואס א יוד דארף האבן! אז נישט, איז די ברכת כהנים נישט קיין שלימות'דיגע ברכה. אין ברכת כהנים ליגט אלע ברכות וואס א יוד דארף האבן. - דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, דאס וואס כהנים בענטשן יודען, זאל אלעס נתקבל ווערן, מתוך שמחה וטוב לבב אי"ה.

*

כטוב לב המלך ביין נענה **רבינו שליט"א** ואמר 'איך בין בדיחא דעתא, מען קען פרעגן כל חללי דעלמא, און איך וועל ענטפערן'. ואחר ברכת המזון, קרוב לשעה ארבע

לפנות בוקר, השיב **רבינו שליט"א** על שאלות בענינים שונים למשך יותר משעה. אשרי עין ראתה, ואשרי אוזן ששמעה כל אלה.

**- מי מעכב, שאור שבעיסה ושיעבוד גליות -**
**ווי אזוי ווערט מען א ערליכער יוד?**

**עס** שטייט אין די גמרא (ברכות יז.), גלוי וידוע לפניך שרצוננו לעשות רצונך, ומי מעכב שאור שבעיסה ושיעבוד גליות. דאס איז טייטש, אז בעצם וויל א יוד טון וואס דער רצון פונעם אייבערשטען איז. איך דארף אים נישט געבן קיין עצות דערויף, ער וויל! עס איז דא צוויי סיבות וואס טוען שטערן דעם מענטש. שאור שבעיסה, דאס איז דער יצר הרע, ושיעבוד גליות. שיעבוד גליות מיינט נישט אזוי ווי עס האט אמאל געמיינט, אז די גוים האט געצווינגען צו טון אנדערש. דער היינטיגער שיעבוד גליות איז, די פרייהייט וואס איז געווארן אין די וועלט. אז מען קען צו אלעם צוקומען, און מען קען אלעס טון, דאס איז דער שיעבוד גליות וואס שטערט דעם מענטש פון עבודת ה'.

**אויף** שאור שבעיסה, שטייט אין די גמרא (קידושין ל:), בראתי יצר הרע בראתי לו תורה תבלין, תורה איז א תבלין אקעגן דעם יצר הרע, מען דארף לערנען תורה. - און מען פרעגט אייביג, אז מען זעהט נישט אז עס איז אזוי. מיר אלע לערנען דאך, אלע האבן מיר שיעורים, און עס שטעלט זיך נישט אפ דער יצר הרע? די תירוץ דערויף איז, עס האט דיך יא אסאך אפגעשטעלט. דאס אז דו זעהסט אויס אזוי ווי דו זעהסט אויס, און דו ביסט נישט געווארן ערגער, זאלסטו וויסן אז די תורה איז דער תבלין פארוואס דו זעהסט אזוי אויס. וויפיל יודען זיצן יעצט פיר אזייגער פארטאגס אין בית המדרש? נישט קיין מיליאן יודען, שוין. און אז דו האסט די זכיה דא צו זיצן, און דו ווילסט מקבל זיין, דאס איז דורך די תורה וואס דו האסט געלערנט, דאס איז דער בראתי לו תורה תבלין. זאג נישט אז די תורה איז נישט קיין תבלין! עס איז יא א תבלין! עס מוז נישט אייביג מיינען, אז מען ווערט געטוישט פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט. דאס אז מען האט א תשוקה, און מען האט א שאיפה, און מען וויל ווייטער אנגיין דערמיט. דאס איז דער בראתי לו תורה תבלין.

**די** צווייטע זאך וואס שטערט איז שיעבוד גליות. דאס איז טייטש, אן א יצר הרע, דער הא הא פון די וועלט, ברענגט אויך צו דערצו אז מען גייט אוועק פון תורה. און אויף דעם איז די עצה, זיך אפצוטיילן פון שיעבוד גליות. א יוד דארף זיך מאכן געוויסע גדרים וסייגים, נישט אננעמען די גלאנץ פון די וועלט, אז דאס איז די גלאנץ. נעמען אויף זיך, און וויסן, איך האב א אנדערע שאיפה פון וואס דער גוי האט! איך בין נישט דא אויף די וועלט וועגן די זעלבע סיבה וואס דער גוי איז דא! פאר א גוי איז זייער גוט דער וועג ווי אזוי ער קען נהנה זיין פון די וועלט. אבער עס רעדט נישט צו מיר! עס איז נישט מיך!

**ווען** א מענטש איז אין א געוויסע ביזנעס, און די אלע וואס זענען אין זיין סארט ביזנעס זענען פארקאכט דערין טאג און נאכט, און א צווייטער האט אן אנדערע סארט ביזנעס, וואס עס איז אים גארנישט נוגע זייער שמועס, עס רעדט נישט צו אים דער שמועס וואס זיי רעדן דארטן און זיי קאכן זיך דערין, עס מיינט נישט אים. די פאליטיקס וכדומה, די וואס זענען אין פאליטיק, זענען פארנומען מיט דעם, דעם גאנצן טאג און די נאכט. ווער עס איז נישט אין דעם, אינטערעסירט עס אים נישט. מיר איז נישט קיין נפקא מינה צוביידן איז פרעזידענט, צו טראמפ איז פרעזידענט. עס רעדט נישט צו מיר גארנישט! איך וועל אפילו נישט אוועקגעבן איין מינוט דערויף, עס זאל מיך אינטערעסירן ווער עס איז. פארוואס? ווייל איך גלייב אז לב מלכים ושרים ביד ה' (משלי כא-א), דער רבונו של עולם קלויבט אויס פאר די וועלט, ווער עס איז דער ריכטיגער פרעזידענט וואס דארף צו זיין. אז דער רבונו של עולם וויל טראמפ זאל זיין, איז טראמפ. און טראמפ מיט אלע זיינע פראבלעמען קען ער אויך זיין פרעזידענט. און ביידן קען אויך זיין פרעזידענט. עס האט נישט צו טון, אז דער רבונו של עולם וויל, איז אזוי!

**איך** וויל ארויסברענגען, אז א זאך וואס אינטערעסירט נישט א מענטש, רעדט עס נישט צו אים. פאר א ערליכער יוד דארף נישט אינטערעסירן די אנדערע וועלט, מיר האבן אן אנדערע סארט וועלט! מיר זענען געבוירען געווארן צו דינען דעם אייבערשטען! אונז האב מיר תורה און מצוות! אונז לעב מיר נישט נאר הונדערט און צוואנציג יאר, אונז לעב מיר מיליאנען יארן, אונז האב מיר א

נצחיות'דיגע וועלט! אונז קוק מיר נישט אויף די זייטיגע זאכן וואס איז נוגע פארן גוי. - דער שיעבוד גליות וואס ברענגט אז מען זאל אוועקגיין פון תורה ומצוות, דארף זיין ביי א יוד, אז עס האט נישט מיט מיר צו טון, איך האב עפעס אנדערש.

*

**- השכים ונפל פסוק לתוך פיו הרי זו נבואה קטנה -**

**וואס מיינט ווען מען שטייט אויף אינדערפרי, און עס איז נפל פסוק לתוך פיו, איז עס א בחינה פון א נבואה קטנה?**

**עס** איז דאך א גמרא (ברכות נז:), אז ווען מען שטייט אויף צופרי, און עס איז דא א געוויסע פסוק וואס קומט אריין אין די מחשבה, איז עס א נבואה קטנה. וואס מיינט א גרויסע נבואה, און וואס מיינט א קליינע נבואה? א גרויסע נבואה איז טייטש, ברחל בתך הקטנה, מען זאגט ארויס א נבואה מיט אלע פרטים וואס איז נוגע צו די נבואה. א נבואה קטנה איז דער טייטש, אז עס איז עפעס א רמז, עפעס א סימן. און במשך הימים וועט דיר נתגלה ווערן, וואס די נבואה קטנה איז געווען. איך האב ביי מיר כמעט יעדן טאג, וואס איך שטיי אויף צופרי מיט א געוויסן פסוק. און אמאל פארשטיי איך עס, און אמאל נישט. על פי רוב קען איך פארשטיין אין משך פונעם טאג, דער רמז וואס מען האט מיר געוויזן פונעם הימל אויף דעם ענין. עס איז נישט קיין מדריגות, דערשרעקטס ענק נישט, עס איז נישט קיין מדריגות, עס איז גארנישט. עס שטייט אין די גמרא (בבא בתרא יב.), אז פון חורבן בית המקדש איז ניתנה נבואה לשוטים. עס איז נאר א נבואה קטנה, א געוויסע הארה. אונז ווייס מיר נישט היינט וואס א מענטש דארף צו טון, און וואס נישט. און עס קומט דאך אן געוויסע שאלות פון א מענטש וואס פרעגט, און מען דארף וויסן וואס צו ענטפערן. ווען איך האב א פסוק וואס איז מיר אריינגעקומען ווען איך בין אויפגעשטאנען צופרי, יא, עס גיט מיר א געוויסע נקודה אויף וואס עס איז אדורכגעגאנגען.

**איך** האב אפגעשריבן אזויפיל בלעטער פון מיינע פסוקים. איך שרייב נישט אראפ דעם ביאור וואס איז געווען, איך שרייב נאר דעם פסוק וואס איז געווען. פסוקים וואס מען האט גארנישט געטראכט, מען קען אפילו נישט זאגן אז עס איז געווען מהרהורא דיומא, וואס אין דעם טאג האט מען געטראכט דערפון. און ווען מען שטייט אויף מיט א געוויסן פסוק וואס איז נפל לתוך פיו, איז עס א נבואה קטנה, עס ווייזט פון הימל א געוויסען סימן פאר א מענטש וואס מען דארף צו טון.

**דער** הייליגער **קדושת יום טוב זי"ע** פלעגט לערנען יעדן טאג חק. און ער האט געזאגט, אז אלע זיינע עצות וואס ער גיט אין משך פונעם טאג, טרעפט ער אין דעם חק וואס ער האט געלערנט אין דעם טאג. דאס מיינט צו זאגן, אז אין חז"ל איז אמאל דא געוויסע סתירות. מען געפונט אמאל אזוי און אמאל אזוי. און מען קען נישט זאגן זיכער, וואס עס איז די ריכטיגע וועג וואס מען דארף טון. אבער אז דער אייבערשטער איז מזמין פאר דעם צדיק א געוויסע פיסקא, א געוויסן מאמר, איז עס א סימן אז דאס איז נוגע פאר אים אויפן היינטיגן טאג.

**איך** פלעג אסאך מאל צו פארציילן, אז עס שטייט אין די תולדות פון **רבי הערשעלע ליסקער זי"ע** (**דרכי הישר והטוב**). אז רבי הערשעלע ליסקער האט נאך די חתונה באקומען פון זיין שווער געלט אלץ נדן. נו וואס האט געקענט טון א יונגערמאן אין יענע צייטן, ער האט געוואלט זיצן און לערנען, ער האט באקומען געלט, און ער האט נישט געוואלט אויפעסן דאס געלט סתם אזוי, פלעגט מען עס צו געבן פאר מענטשן וואס האבן געטון מסחר. די מסחר דעמאלטס איז געווען, אז די ווין סוחרים האבן געדארפט האבן געלט, כדי צו קענען איינקויפן טרויבן און מאכן וויין דערפון. און שפעטער ווען מען האט געמאכט דעם וויין, און מען האט עס פארקויפט, האבן זיי פארדינט רווח, האבן זיי צוריק געצאלט דעם קרן וואס זיי האבן באקומען פון אנדערע, און זיי האבן צוגעגעבן א געוויסע רווח פאר יענעם, און א געוויסע רווח איז געבליבן פאר זיי. און עס איז געווען איינגעפירט ביי די יונגעלייט בדרך כלל, אז דאס איז געווען וואס מען האט געטון. די געגנט פון ליסקא איז א געגנט פון טרויבן, און דארט איז געווען דער עיקר מסחר פון וויין.

**רבי** הערשעלע ליסקער זי"ע האט זיך געדרייט ביים **ישמח משה**, איז ער אריינגעגאנגען צום ישמח משה,

און ער האט אים געזאגט, איך האב חתונה געהאט, מען האט מיר געגעבן געלט, און איך וויל עס אריינלייגן ביי די וואס האנדלען מיט ווין. האט דער ישמח משה אים געזאגט, טו עס נישט. עס איז דא א גמרא (יבמות סג.) אז עס איז נישט גוט אריינצושטעלן געלט אין עיסקא, מען דארף עס איינשטעלן אין קרקע, אין ריע"ל עסטעי"ט. האט דער הייליגער ליסקער רב געזאגט, ווען איך בין אריינגעגאנגען האב איך געטראכט, אז דער רבי וועט מיר זאגן דורך רוח הקודש, וואס איך האב צו טון. אבער פארציילן מיר א גמרא וואס איך האב צו טון?! איך קען אויך גמרא, און איך האב א אנדערע גמרא (בבא מציעא מב.), אז עס איז יא גוט צו האנדלען מיט מסחר. [ער צייכענט צו דיביידע גמרות]. איך האב נישט געפאלגט וואס דער ישמח משה האט מיר געזאגט, איך האב אריינגעלייגט דאס געלט אין מסחר, און איך האב פארלוירן דאס גאנצע געלט.

**האט** דער הייליגער ליסקער רב געזאגט נאכדעם, דער ישמח משה האט דאך אויך געקענט ביידע גמרות, פארוואס האט ער מיר געזאגט די גמרא? נאר אזוי ווי בשעת איך האב אים געפרעגט, איז אים איינגעפאלן די גמרא, און נישט יענע גמרא, האט ער געוואוסט אז דאס איז די עצה וואס ער דארף מיר געבן, צו טון אזוי ווי די גמרא. און איך האב דאך נישט געפאלגט, האב איך דערלייגט.

**האט** דער הייליגער ליסקער רב געזאגט, היינט בין איך אויך א רבי, און מען קומט מיך פרעגן עצות. ווייס איך, אז די ערשטע מחשבה וואס קומט מיר אין קאפ, וואס איז נוגע צו דעם ענין, דאס גיט מען אריין מן השמים איך זאל ענטפערן פאר יענעם וואס ער האט צו טון. און כאטש עס איז דא אנדערע גמרות פארקערט אויך, אבער וואס עס איז נוגע פאר אים, איז דאס וואס מען האט אים אריינגעגעבן די ערשטע מחשבה, דאס דארף איך מייעץ זיין פאר יענעם ער זאל טון.

**צום** הייליגער **בעלזער רב זי"ע, רבי יששכר דוב,** איז אמאל געקומען א יוד, און ער האט זיך מייעץ געווען אין א געשעפט. און דער בעלזער רב האט אים געזאגט, ער זאל טון אזוי און אזוי. האט ער מסביר געווען פארן בעלזער רב, אז ווען ער טוט אנדערש, איז דא מער אויסזיכטן אז ער זאל קענען פארדינען. האט אים דער הייליגער בעלזער רב זי"ע געזאגט, דו ביסט גערעכט, בעל בתי"ש ביסטו גערעכט, אבער טוה אזוי ווי איך האב דיר געהייסן. אז מיר איז נישט איינגעפאלן דעם בעל בתי"שקייט, און איך האב דיר געהייסן אזוי צו טון, זאלסטו טון וואס איך האב דיר געהייסן.

**וואס** איז די נקודה דערפון? דער אייבערשטער האט געשטעלט אין יעדן דור, דור ודור ומנהיגיו. דער אייבערשטער האט געשטעלט דעם בעלזער רב זי"ע אז יודען קומען צו אים זיך מייעץ זיין, גיט דער אייבערשטער אריין אין די מחשבה פון דעם צדיק, וואס ער זאל פאר יענעם ענטפערן. אז מיר איז איינגעפאלן נישט דאס וואס דו זאגסט, מיר איז איינגעפאלן אז דו זאלסט טון אזוי און אזוי, איז א סימן אז דאס איז די ריכטיגע וועג וואס דו וועסט מצליח זיין. ממילא האט ער אים געהייסן ער זאל אים פאלגן אזוי ווי עס איז. - און עס איז זיכער אז אויב ער האט געפאלגט, האט ער מצליח געווען. דאס איז דער נפל פיסקא בפיו, אז עס איז דא א ענין פון א פיסקא, ווען א מענטש האט עפעס א זאך וואס איך ווייס נישט ווי אזוי ער זאל טון, אזוי צו אזוי. אויב עס איז נפל פיסקא בפיו אויף א געוויסע מהלך, איז א סימן אז מן השמים האט מען אזוי צוגעפירט, אז דאס איז די נקודה וואס איז נוגע פאר אים.

**א' מהנוכחים:** א פאר יאר צוריק בין איך געווען מיטן רבי'ן אין די קאר, און דער רבי האט געזאגט, אז היינט צופרי בין איך אויפגעשטאנען ונפל פסוק בפי, כן אזמרה שמך לעד לשלמי נדרי יום יום (תהלים סא-ט). א גאנץ פארמיטאג האב איך מיך געמוטשעט וואס דער פסוק איז? ווי איז דער פסוק אריינגעקומען צו מיר? שפעטער האב איך באמערקט, א'זמרה ש'מך ל'עד ל'שלמי נ'דרי י'ום י'ום איז די ר"ת פון איין נאמען פונעם רבי'ן.

*

\- זהירות בסוף זמן קריאת שמע -

**וואס פאר א עצה איז דא פאר א בחור וואס עס איז אים שווער אויפצושטיין צופרי פאר סוף זמן קריאת שמע? וואס זאל ער טון ער זאל האבן די כוחות ער זאל קענען אויפשטיין? וואס דארף ער טראכטן, וואס דארף ער לערנען, כדי ער זאל קענען אויפשטיין באצייטנס?**

**אחד מהנוכחים:** ער זאל אנשטעלן א וועקער זייגער.
**רבינו:** די עצה נוצט נישט, ווייל עס האט א סנא"ז קנעפל. דער **ברך משה** פלעג צו זאגן, הקול קול יעקב, דער קול וואס קלינגט, איז א קול פון יעקב וואס רופט מען זאל גיין לערנען. והידים ידי עשו, ווען מען דרוקט דעם באטע"ן דערויף, דאס איז די ידי עשו.

**איז** דען דא עצות אויף דעם? וואס איז די שאלה? ער איז א יוד, און ער דארף טון וואס דער אייבערשטער הייסט! יא, דער אייבערשטער האט געהייסן מען דארף אויפשטיין צופרי און ליינען קריאת שמע. וואס איז די שאלה, ער איז מיד און ער וויל שלאפן?! על כן, וועט זיך טוישן די תורה ביי אים? וואס איז די שאלה? א יוד דארף טון וואס מען דארף צו טון. אז מען דארף ליינען קריאת שמע, יא דארף ער ליינען קריאת שמע. דו וועסט פרעגן, א יוד דארף צומאכן זיין געשעפט שבת, וואס זאל ער טון? יא, מאך צו דעם געשעפט אין שבת! דאס דארפסטו טון. עס קומט דיר אן שווער? דאס אז עס איז שווער, פארענטפערט גארנישט. מען דארף טון וואס מען דארף צו טון. אויף דעם זענען מיר יודען, אונז דארף מיר טון וואס דער רבונו של עולם האט אונז געהייסן טון. ער האט אונז געהייסן ליינען קריאת שמע, דארף איך אויפשטיין צופרי און ליינען קריאת שמע. און דאס מיינט א טאג נאך פורים אויך. מען דארף אויפשטיין צופרי און ליינען ווען עס איז דער זמן פון קריאת שמע. - וואס איז די שאלה, ווייל ער איז מיד? על כן, דאס גיט אים עפעס א היתר, דאס גיט אים א טענה. עס איז מיר שווער צו זיין א יוד. יא, עס איז שווער צו זיין א יוד. - עס איז נישט שווער צו זיין א יוד, עס איז וואויל צו זיין א יוד, - נאר עס קומט אן מיט שוועריקייטן, דאס איז וואס אונז דארף מיר צו טון.

*

**- תכלת בציצית בזמנינו -**
**אונז וואלט מיר זייער געוואלט וויסן א שטיקל ביאור אין דעם ענין פון גיין מיט תכלת אויף די ציצית?**

**עס** איז א גרויסע מחלוקת אין די לעצטע צייטן, צו עס איז דא א ענין צו גיין מיט די תכלת, צו נישט. דער הייליגער **ראדזינער רבי** האט עס אנגעהויבן, ער האט ממציא געווען תכלת, און זיינע חסידים האבן אנגעהויבן צו טראגן תכלת. און רוב גדולי ישראל האבן 'נישט' מסכים געווען מיט אים! עס האט אים קיינער נישט נאכגעטון. מען קען ציילן אויף די פינגער ווער עס איז געגאנגען. וואס כאטש בעצם, וואס דערלייגט מען? עס איז דאך נישט קיין עבירה אז מען גייט מיט תכלת, מען האט גארנישט מוותר געווען דערויף, פארוואס זאל ער נישט גיין מיט תכלת? פון דעסטוועגן דאך, עס איז געווען א נייע זאך, און מען האט נישט געהאלטן אז ער האט מברר געווען, ער האט נישט איבערגעצייגט די גדולי ישראל, אז זיי זאלן נאכגיין אויף דעם וואס ער האט מברר געווען, און זיי זענען נישט נאכגעגאנגען צוזאמען מיט אים.

**ברבות** הימים, ויקם מלך חדש אשר לא ידע את יוסף, עס איז אויפגעשטאנען א נייע דור, וואס זיי האבן שוין מברר געווען, אז דער תכלת פון דעם ראדזינער איז נישט די ריכטיגע תכלת, און 'זיי' האבן ערפינדען די ריכטיגע תכלת. און מיר זאלן נישט זיין דיסעפוינטע"ט ווען אין צוואנציג יאר ארום וועלן מיר געוואויר ווערן, אז דאס איז אויך נישט דער תכלת.

**און** די קשיא איז, פארוואס נישט? ספיקא דאורייתא דארף מען גיין לחומרא. עס איז א ספק צו איך קען מקיים זיין א מצוה מן התורה, פארוואס זאל איך עס נישט טון?

**עס** איז דא כמה תשובות דערויף, איינס פון די תשובות איז, אז ספיקא דאורייתא לחומרא איז נאר געזאגט געווארן, ווען איך האב א ספק אין א זאך, און איך קען עס טון אויף א וועג וואס איך וועל ארויסגיין פונעם ספק, דעמאלטס ביסטו מחויב עס צו טון. אבער אויב דו ביסט נישט זיכער אז דו ביסט ארויסגעגאנגען פון דעם ספק, ביסטו עס נישט מחויב צו טון. דאס איז טייטש למשל, א מענטש איז מסופק צו ער האט געליינט היינט קריאת שמע צו נישט. ספק דאורייתא לחומרא, דארפסטו איבערליינען קריאת שמע. און ווען איך האב איבערגעליינט קריאת שמע, ווייס איך אז איך בין ארויסגעגאנגען פון דעם ספק וואס איך האב געהאט. אבער סתם צו טון יעדע זאך, אפשר בין איך עס מחויב צו טון, איז מען נישט מחויב. אויב

נאכדעם וואס דו האסט עס געטון, ביסטו נישט זיכער אז דו ביסט ארויסגעגאנגען פון דעם ספק, דארפסטו עס נישט טון.

**מען** איז געקומען און מען האט מברר געווען אז דאס איז תכלת, מיר זענען נאך אלץ נישט זיכער אז דאס איז עס. ביז משה רבינו וועט נישט זאגן אז דאס איז תכלת ווייסט מען נישט. איז נישט דא קיין הלכה פון ספיקא דאורייתא לחומרא, אז דו דארפסט עס טון, ווייל דו ביסט נישט זיכער אז דו ביסט ארויסגעגאנגען פון דעם ספק. און וועגן דעם, האט עס כלל ישראל נישט אנגענומען. און אזוי דארף מען צו טון. אפילו עס זאל זיין איין גדול בישראל וואס זאגט, אז מען דארף אזוי טון, די וועלט שטייט נישט אויף איין גדול, די וועלט שטייט אויף כמה תלמידי חכמים. און אויב רוב תלמידי חכמים האבן זיך נישט איבערצייגט אז דאס איז די ריכטיגע וועג צו טון, דארף מיר אונז טון וואס רוב חכמים האבן געזאגט. - על כן וועגן דעם, איז נישט איינגעפירט צו גיין מיט תכלת.

**...עס** האט מיך געפרעגט א יוד די וואך. דער רב האט גע'דרש'נט ז' אדר, פון אל תטוש תורת אמך, אז מען דארף נאכטון אלעס וואס מען האט געזעהן ביי די עלטערן. ווען איך האב א טאטען וואס ער איז א גרויסער צדיק, און ער האט הונדערט ערליי חומרות, בין איך מחויב נאכצוטון אלעס וואס ער טוט, אל תטוש תורת אמך? האב איך געזאגט, ניין. דו ביסט נישט מחויב. ווייל עס איז דא זאכן וואס ער טוט, וואס ער זאגט בפירוש, איך טו עס נאר פאר מיר, ווייל איך האב א געוויסן ענין, אבער דאס מיינט נישט, אז איך וויל מיינע קינדער זאלן אזוי גיין. ער זאגט בפירוש פאר די קינדער, עטץ זענטס נישט מחויב דאס צו טון, איז נישט דא ביי דעם אל תטוש תורת אמך. ווען א קינד איז א זון פון א גרויסן צדיק, און דער צדיק האט טויזענטער חומרות אויף זיך, דאס מיינט נאך נישט אז דער זון איז געבוירען געווארן יעצט מיט א פרישן פעקל פון אלע חומרות וואס דער טאטע האט געטון. מען רעדט פון בעיסי"ק זאכן וואס א טאטע טוט, און ער וויל אז די קינדער זאלן עס אויך נאכטון, ווייל ער האט מקבל געווען, אז דאס איז די ריכטיגע וועג ווי אזוי עלטערן דארפן זיך פירן, דארפן קינדער נאכגיין דערויף, אויף דעם איז אל תטוש תורת אמך. אבער א זאך וואס א טאטע טוט ווייל ער האט א חומרא, צו א געוויסע סיבה פארוואס ער האט עס געטון, און ער האט עס נישט ארויפגעלייגט אויף זיינע דורות שפעטער, איז נישט דא ביי דעם קיין אל תטוש תורת אמך.

*

**- הלימוד בספרי מוסר וחסידות -**

**אין וועלכע מוסר ספר, אדער ספר חסידות, איז גלייך אז א בחור אדער יונגערמאן זאל זיך קובע זיין צו לערנען?**

**אויף** דעם איז די תשובה, א זאך וואס א מענטש האט א געפיל, איז נישט קיין חילוק וואס ער לערנט. אויב ער האט א געפיל צו א געוויסן ספר, זאל ער לערנען וואס ער האט א געפיל דערצו. אויב צו דעם ציט אים דאס הארץ, און קען דערפון האבן א תועלת, איז א סימן אז דאס דארף ער לערנען.

**אויב** ער האט נאך קיינמאל נישט אנגעהויבן, און ער וויל אנהייבן, און ער פרעגט, וואו זאל זיין מיין התחלה אז איך זאל אנהייבן? איז א חילוק צווישן ספרי מוסר און ספרי חסידות. ספרי מוסר, פאר א יונגען בחור, איז די ערשטע צוויי ספרים צו לערנען, **ארחות צדיקים** און **מסילת ישרים**. דאס איז א דבר השוה לכל נפש, וואס יעדער איינער קען זיך טרעפן דארטן זיין פלאץ. א חסידיש ספר, איז דער דבר השוה לכל נפש, אדער **מאור ושמש**, אדער **סידורו של שבת**, און **באר מים חיים**. די צוויי ספרים זענען געשריבן געווארן מיט א ברייטע שפראך, וואס א בחור זאל אויך קענען מיטהאלטן און פארשטיין וואס מען לערנט.

**אלע** ספרים פון די תלמידי בעל שם, זענען נישט געשריבן געווארן דורך די רבי'ס, עס איז געשריבן געווארן דורך כותבים, דורך שרייבערס, וואס זיי האבן געהערט פון זייערע רבי'ס. אויסער דער בני יששכר האט אליין געשריבן זיינע ספרים, וועגן דעם האט עס אן אנדערן טעם פון אנדערע ספרים. אבער אנדערע ספרים זענען געשריבן געווארן דורך כותבים, און איינער האט געשריבן ברייטער, און איינער האט געשריבן ווייניגער. איינער האט געשריבן מער באריכות, און איינער קורצער. די ספרים מאור ושמש, און סידורו של שבת, זענען

געשריבן געווארן מיט זייער א ברייטע שפראך, אז אפילו איינער הייבט אן צו לערנען דערין, פארשטייט ער דערין.

**מען** דארף וויסן א כלל, אז ווען ער קומט אן צו א שווער שטיקל פון קבלה וכדומה, דארף מען עס אויסלאזן און מען דארף עס נישט לערנען, מען דארף אוועקגיין צו דעם וואס מען פארשטייט צו לערנען.

*

**- דברי חלומות בזמנינו -**

**ווי ווייט דארף מען מקפיד זיין אויף חלומות?**

**אויף** חלומות דארף מען מקפיד זיין, גארנישט! חלומות שוא ידברו (זכריה י-ב). א חלום מיינט גארנישט. ביי א פשוטן יוד מיינט א חלום גארנישט. ביי מענטשן וואס זענען העכער פון א פשוטן יוד, מיינט חלומות זייער אסאך. אסאך מאל ווייזט מען אים אינעם חלום א זאך וואס איז נוגע פאר אים, וואס ער קען זיך דערפון לערנען. אבער ביי פשוטע מענטשן מיינט א חלום גארנישט. אויסער די חלומות וואס חז״ל האבן געהייסן פאסטן דערויף (עיין בשו״ע סימן רפ״ח סעיף ה). אויסער דעם מיינט א חלום גארנישט.

*

**- כוונת המקוה -**

**וואס דארף מען אינזינען האבן אין מקוה?**

**זיך** צו טובל'ן! אן כוונות. כוונות איז, טון וואס דער אייבערשטער האט געהייסן, אז ווען א מענטש איז טמא, און ער גייט אריין אין די מקוה, און ער טובל'ט זיך, ער טינקט זיך אונטער אונטערן וואסער, קומט ער ארויס ריינערהייט, דאס איז די כוונה פון טבילה.

**וויפיל** טבילות האט נישט קיין שיעור, איין טבילה קומט מען ארויס ריין. עס איז דא וואס האבן זיך גע'טובל'ט פיר טבילות, אקעגן די מספר אותיות פון שם הוי״ה. עס איז דא וואס טובל'ן זיך ש״י טבילות, עס האט נישט קיין שיעור, יעדע זאך קען דאך א מענטש טון אזוי און אזוי. אבער די עצם כוונה פון טבילה איז נישט פאר אונז, דאס איז א העכערע מדריגה. פונקט ווי דו זאלסט מיך פרעגן וואס איז די כוונה פון אנטון תפילין, צו האלטן שבת, און שאקלען אתרוג, מאכן נענועים, ווייסטו די כוונות? ווייסטו אויך נישט. וואס עפעס פונקט ביי די מקוה דארפסטו וויסן די כוונות? עס איז נישט דא קיין כוונות! כוונה איז טייטש, איך טו דעם רצון פונעם אייבערשטען, דאס איז די כוונה וואס מען דארף צו האבן.

*

**- לימוד התורה בעיון ובבקיאות -**

**וועלכע סדר דארף מען מער לערנען, עיון אדער בקיאות?**

**עיון** און בקיאות זענען ביידע זייער וויכטיג. דאס מיינט נישט אז ווען מען לערנט עיון, דארף מען נישט קיין בקיאות, און עס מיינט נישט, אז ווען מען לערנט בקיאות דארף מען נישט קיין עיון. מען דארף האבן ביידע. מען רעדט פון בחורים, איז דא א חלק פונעם טאג דארף זיין נאר פאר עיון התורה, א חלק פונעם טאג זאלסטו זיך פלאגן אויסצושארפן דעם קאפ. פארשטיין א תירוץ, פארשטיין א קשיא, און פארשטיין פארוואס עס איז נישט גוט, און צו עס איז דא איין מהלך אין די גמרא, אדער צוויי מהלכים אין די גמרא, דריי מהלכים אין די גמרא, אלעס דארף מען לערנען, א חלק פונעם עיון.

**אבער** די איבריגע שעות פונעם טאג, איז ספו ליה כתורא, אריינכאפן נאך א בלאט גמרא, נאך א בלאט גמרא, נאך א בלאט גמרא, און שפעטער קומט מען צו צום עיון אויך, אז מען זאל פארשטיין. בדרך כלל ביז א בחור ווערט נישט אלט ניינצן צוואנציג יאר, פארשטייט ער ממילא נישט וואס ער לערנט. ער פארשטייט נאר מקופיא, וויפיל מען דארף צו פארשטיין בעיון. אבער דער עיקר איז די נאכמיטאג שעות און די נאכט שעות, אריינכאפן א 'דרשו', א 'ובהם נהגה', נאך א בלאט גמרא, נאך א עמוד גמרא און לערנען. אבער די שעות פון עיון, דארף זיין אוועקגעגעבן נאר פאר עיון, און טאקע זיך אריינלייגן די פאר שעה, די בלאט גמרא וואס מען לערנט בעיון, זאל איך טאקע קענען אדורך און אדורך, יעדע תוספות און יעדע זאך וואס איז נוגע צו וואס מען האט געלערנט.

**'עיון'** מיינט טראכטן. זיי מעיין, טראכט פון וואס דו לערנסט. דו זאלסט גוט פארשטיין די קשיא פון תוספות, און ווען דו וועסט גוט פארשטיין די קשיא פון תוספות, וועסטו נאכדעם זיך דארפן גוט פלאגן צו פארשטיין דעם תירוץ פון תוספות. וואס איז געטוישט געווארן פון וואס דו האסט פארשטאנען אין די קשיא, וואס איז געטוישט געווארן ווען דו פארשטייסט דעם תירוץ. און נאך די תירוץ פון תוספות קומט דער **מהרש"א**, און דער מהרש"א וועט זאגן אז עס שטימט נאך אלץ נישט. דער מהרש"א וועט צולייגן נאך א ביאור דערצו. און נאכדעם וועסטו טרעפן א צווייטן ביאור אין א צווייטן פלאץ, און דו וועסט טרעפן אז עס איז דא א צווייטן תירוץ אויף די קשיא פון תוספות. דאס איז עיון! עיון איז נישט קיין בארג! עיון איז פשוט טראכטן אין וואס מען לערנט.

*

- שמחת החיים -

**איינער וואס איז א 'מבקש', ווי אזוי קען ער האבן שמחת החיים?**

**דאס** אליין אז ער איז א מבקש, איז שוין דא שמחת החיים! דאס אליין אז ער איז נישט צופרידן וואס ער איז, און ער זוכט נאך און נאך, דאס איז דער שמחת החיים. שמחת החיים מיינט נישט אייביג אז ער איז אנגעקומען צו די ציל. שמחת החיים איז דער טייטש, אז איך בין אויפן ריכטיגן טרע"ק. ווען א מענטש פארט אויפן וועג, איז נישט אלץ די שמחה ווען איך בין אנגעקומען אויפן פלאץ. ווען איך ווייס אז איך בין אויפן טרעי"ן וואס טראגט מיך אהין, דאס איז די שמחת החיים. יא, איך בין א מבקש, און איך זוך, האב איך א שמחה, איך בין אויפן ריכטיגן וועג אנצוקומען וואו איך דארף אנצוקומען.

*

- והאר עינינו בתורתך -

**וואס זאגט דער רבי בשעת מען טאנצט די הקפות?**

**ענה** בצחות: איך בין מתפלל איך זאל נישט אראפפאלן... - וואס טראכסטו? וואס דארף מען מתפלל זיין ביי די הקפות? מען פריידט זיך מיט די תורה, און מען איז מתפלל אז דער אייבערשטער זאל געבן איך זאל האבן הבנה אין די תורה, פארשטיין די תורה, זיין צוגעבינדן צו די תורה. דאס אלץ דארף מען ארויסזאגן מיט ווערטער, מען דארף מתפלל זיין דערויף.

*

- שגורה תפלתי בפי -

**וואס מיינט דאס וואס רבי חנינא בן דוסא האט געזאגט** (ברכות לד:) **אם שגורה תפלתי בפי יודע אני שהוא מקובל.**

**יעדער** מענטש קען שפירן ביי זיך בשעת ער דאווענט, צו עס קומט אים ארויס די תפלה פונעם גאנצן הארץ, צו ער איז דערביי ביי די תפלה, און ער ווערט נתעורר פון די תפלה, צו ער ליגט אין די ווערטער וואס ער זאגט, צו עס איז נאר ביי אים כמצות אנשים מלומדה. ווייל מען דארף מתפלל זיין, דאווענט ער. תפלתי שגורה בפי איז דער טייטש, נישט נאר ווי אזוי די ווערטער האט זיך ארויסגעזאגט, נאר צו ער איז געלעגן אין די תפלה. צו דאס דאווענען האט אים איבערגענומען. בשעת ער האט גערעדט צום רבונו של עולם האט ער געפילט ווי ער קען זיך אויסגיסן זיין גאנצן הארץ פארן אייבערשטען, ער האט מתפלל געווען. אם תפלתי שגורה בפי, דאס איז טייטש אז די תפלה איז ארויסגעקומען מקירות לבו, האט ער געוואוסט אז עס איז מקובל, ווייל דער אייבערשטער איז דאך מקבל די תפלות. תפלה וואס עס פעלט פונעם שגירות הלב, פעלט אין די תפלה. און דאס האט ער געקענט שפירן ביי זיך, אם תפלתי שגורה בפי, אויב די תפלה גיסט זיך ביי מיר ארויס פונעם הארץ, הרי זה מקובל, איז עס אנגענומען.

**אויב** עס איז נישט תפלתו שגורה, קען זיין אז עס איז מקובל, און קען זיין אז עס איז נישט מקובל. א צדיק האט געקענט וויסן, אויב ביי אים איז אייביג געווען תפלתו שגורה, און יעצט האט זיך געמאכט א סיבה אז עס איז נישט געווען תפלתו שגורה, האט ער געוויסט אז דאס איז א סימן אז עס איז נישט מקובל געווארן זיין תפלה. ביי אונז פשוטע מענטשן, איז אלע תפלות אינה שגורה, אמאל מאכט זיך אבער אז עס איז יא דא א תפלה וואס עס איז שגורה בפיו. און אז עס מאכט זיך א תפלה וואס איז שגורה בפיו, האט עס אין זיך א געוויסן כח.

**אין** הייליגע ספרים שטייט, שגורה איז א לשון פון אנהייצן, שגור תנורא (בבא מציעא פה.). אם תפלתי שגורה בפי, אז עס דאווענט זיך ווארעם, ער שפירט א ווארימקייט אין זיין דאווענען, ווערט עס מקובל.

**ווי אזוי איז מען זוכה דערצו?**

**מען** קען נישט זוכה זיין דערצו. עס איז אמאל יא און אמאל נישט. יעדער מענטש שטייט נישט אויף איין מדריגה שטענדיג, ער האט יעדן טאג פופציג ירידות און פופציג עליות, א מענטש טוישט זיך יעדע שעה איז ער אנדערש. דיין מאא"ד איז די זעלבע מאא"ד א גאנצן טאג? ניין. דיין מאא"ד טוישט זיך. די מאא"ד אין עבודת ה' טוישט זיך אויך. א מענטש איז נישט אייביג אין די זעלבע מדריגה אזוי ווי ער איז געווען. די צייטן וואס ער איז דערביי, איז תפלתו שגורה בפיו. און ווען ער איז נישט דערביי, קענסטו מאכן אלעס אויף דער וועלט, און עס וועט גארנישט העלפן, עס קען נישט זיין קיין תפלתו שגורה בפיו. עס איז נישט דא קיין אינדזשעקשע"ן וואס מען גיט, און דאס וועט זיין תפלתו שגורה בפיו. ווען א מענטש איז דערביי, איז תפלתו שגורה בפיו, ווען ער איז נישט דערביי, פעלט אים אין תפלתו שגורה בפיו.

*

**- מניעות בעבודת ה' -**

**ווען א מענטש האט א מניעה, ווי אזוי ווייסט ער צו עס איז מן השמים צו נישט?**

**עס** ווענדט זיך אלעס וואס די תורה פארלאנגט פון דיר. אויב די תורה פארלאנגט פון דיר א געוויסע זאך, און דו האסט א שוועריקייט עס צו טון, איז טייטש אז דו דארפסט עס אדורכברעכן. ווען עס איז נישט קיין זאך וואס איז אקעגן די תורה, און דו ביסט געשטערט דערפון, דארפסטו עס נישט אדורכברעכן, עס איז נישט נוגע. עס איז דא א זאך וואס איז נוגע אין מצות התורה, און ער שפירט אז ער האט א מניעה דערצו, יא איז דאס די עבודה דערפון, און עס איז א נסיון פאר דיר, און דו דארפסט זיך מתגבר זיין אויף די מניעה. זאכן וואס איז נישט נוגע צו תורה, און ער ווערט געשטערט פון א געוויסע מניעה, א מניעה איז א מניעה פארטיג! דאס איז מן השמים אז עס זאל נישט גיין ווייטער.

**- אין לך אלא כהן שבימיך -**

**דאס וואס עס שטייט אין לך אלא כהן שבימיך, דאס גייט נאך אן בימינו אלה?**

**עס** איז זייער א טיפע נושא. חז"ל זאגן (יומא לח:), ראה הקב"ה שצדיקים מועטים, עמד ושתלן בכל דור ודור. אין יעדן דור איז דא ערליכע יודען. אונז ווייס מיר נישט ווער זיי זענען, אבער עס איז עמד ושתלן בכל דור ודור, אין יעדן דור האט דער אייבערשטער אראפגעשטעלט צדיקים פארן כלל ישראל. דער אייבערשטער לאזט נישט איבער זיין פאלק, אן דעם וואס ער זאל האבן מנהיגים דערויף.

**אין** לך אלא כהן שבימיך, אין א געוויסן זין איז דאס נוגע ביי יעדן מנהיג וואס איז דא ביי יודען. א מנהיג ווערט נישט פון זיך אליין, א מנהיג ווערט ווייל דער אייבערשטער האט אים געשטעלט ער זאל זיין דער מנהיג פאר כלל ישראל. עס איז דא מנהיגים וואס ווערן געשטעלט פאר צען יודען. עס איז דא מנהיגים וואס ווערן געשטעלט פאר הונדערט יודען, און עס איז דא מנהיגים וואס דער אייבערשטער האט צוגעשטעלט פאר טויזענטער און צענדליגער טויזענטער יודען. עס איז נישט געשעהן פון זיך אליין. עס איז נישט דא א זאך וואס געשעהט פון זיך אליין. עס האט צו טון מיט שורש נשמה ווי אזוי מען זאל עס אנרופן, אבער עס איז דא מנהיגים אין יעדן דור. און דער וואס באלאנגט אונטער דעם מנהיג, פאר אים איז געזאגט געווארן אין לך אלא כהן שבימיך. דאס איז דיין מנהיג, און דער אייבערשטער האט אים געשטעלט פאר דיין מנהיג, און דער אייבערשטער האט צוגעפירט אז ער איז דיין מנהיג, איז אין לך אלא כהן שבימיך, יא, עס איז דא א געוויסער כח וואס דער כהן שבימיך האט.

**עס** איז אינו דומה צו וואס עס איז געווען אמאל. אמאל איז געווען באמת צדיקים קדושים וטהורים, וואס זענען געווען נישט נאר ראוי צו זיין א כהן פאר זייער ציבור, נאר א כהן פארן גאנצן כלל ישראל. עס איז ליידער אזוי אז די דורות ווערן שוואכער. אבער ווי יענער צדיק האט געזאגט, מען וועט זיך נאך אמאל בענקען צו דעם כהן שבימיך... דורות גייען אדורך, און יעדער דור ווערט שוואכער פון וואס עס איז געווען, יא, דער כהן שבימיך האט א געוויסע נקודה.

**און** וואס פארלאנגט דער כהן שבימיך? ער הייסט דאך נישט עובר זיין אויף די תורה. מען רעדט דאך נישט פון א כהן שבימיך, וואס הייסט דיך עובר זיין אויף די תורה. ער הייסט דיר טון וואס די תורה זאגט. יא, אין יעדן דור האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט דור ודור דורשיו, דער אייבערשטער האט שוין געוויזן פאר אדם הראשון אלע דורות וואס עס וועט זיין. דער כהן שבימיך וואס דער אייבערשטער האט דיר צוגעשטעלט, יא, דארפסטו זיין נכנע אונטער אים, און מקבל זיין וואס ער זאגט דיר. וואס איז די שאלה, ער איז נישט אזוי ווי עס איז געווען אמאל? ער איז טאקע נישט אזוי ווי עס איז געווען אמאל, אבער דאס איז דער כהן שבימיך. מיר קענען זיך נישט היינט פירן אין גשמיות אזוי ווי עס האט אויסגעקוקט מיט הונדערט יאר צוריק, אונז דארפן מיר זיך צושטעלן ווי אזוי עס איז היינט. דאס איז די כלים וואס מען טוט היינט, דארף מען זיך צו דעם צושטעלן. דאס איז דער כהן שבימיך.

**איך** וויל ארויסברענגען די טיפקייט פון די שאלה וואס דו פרעגסט. וואס איז די שאלה פון אין לך אלא כהן שבימיך? פארוואס נישט? נאכגיין נאך וואס מען פארשטייט נישט, ווילאנג עס איז נישט היפך התורה, יא, דארף מען נאכגיין. אויב מען פילט אז עס איז היפך התורה, טאר מען נישט נאכגיין.

**דער דעת דארף בטל ווערן פארן כהן שבימיך?**

**יא.** דער דעת דארף בטל ווערן פארן כהן שבימיך? אזוי ווי ער איז דער כהן שבימיך, יא, דארף דער דעת בטל ווערן. און דו דארפסט פאלגן וואס דער כהן שבימיך האט דיר געזאגט. ער הייסט דאך דיר נישט טון קיין עבירה, ער הייסט דאך נישט טון אקעגן די תורה. נאר וואס דען, מען קען זיך דינגען מיטן דעת, איך האלט אנדערש ווי ער זאגט. - דאס איז דער טייטש אין לך כהן אלא שבימיך, אז דו געבסט זיך אונטער פאר דעם כהן שבימיך, מקבל צו זיין וואס ער האט דיר געזאגט.

*

**- לבישת הכובע בתפלה ובלימוד -**

**עס איז היינט געווארן אז מען זאגט תהלים אן א הוט, מען איז מעביר סדרה אן א הוט, מען זאגט ברכת התורה אן א הוט, מען עסט און מען בענטשט אן א הוט, דאס איז לכתחילה, צו בדיעבד?**

**אין שלחן ערוך** (מג"א סימן קפג סק"ה) שטייט, אז צום בענטשן דארף מען אנטון א הוט. איז דאך טייטש, אז עס איז דא א געוויסע נקודה, א געוויסע יראת שמים, וואס דאס ברענגט אויפן מענטש, אז בשעת דו זאגסט א ברכה פארן אייבערשטען, דארפסטו זיך צושטעלן אנדערש ווי דו ביסט א גאנצן טאג. הכון לקראת אלקיך ישראל (עמוס ד-יב), מען דארף זיך צוגרייטן און זיך שטעלן פארן אייבערשטען. דארף מען בענטשן מיט א הוט.

**אז** בענטשן דארף מען מיט א הוט, איז אן ערליכער יוד, יעדע זאך וואס ער טוט, און ער שטעלט זיך פארן רבונו של עולם, און ער האט דעם שויתי ה' לנגדי תמיד, וואס איך טו יעצט איז נישט סתם אזוי, נאר איך טו יעצט א שירות פארן אייבערשטען, יא, איז דא אן ענין אז ער זאל עס טון מיט א הוט.

**וואס** איז טייטש דו זאגסט תהלים אן א הוט?! סוף כל סוף עס איז א געוויסע פריקת עול. יעדער פארשטייט, אז דיין זיידע איז געגאנגען מיט א הוט ווען ער האט געזאגט תהלים, ער האט זיך נישט אויסגעטון דעם הוט. וואס איז די גרינגקייט דערין? וואס איז דער קלות דערין? עס איז גוט אזוי אויך. מען קען אריינקומען אין בית המדרש אן דעם הוט אויך. און ער דארף נישט אויסטון דעם הוט צום דאווענען, ער ברענגט עס אפילו נישט מיט צום דאווענען. ער לאזט עס אין שטוב, און ער קומט אן דעם הוט צום דאווענען אינגאנצן. - יא, ווען מען קומט צום אייבערשטען, דארף מען האבן א הוט, מיט א רעקל, מיט א גארטל, און אזוי זיך שטעלן פארן רבונו של עולם.

**מען דארף לערנען מיט א הוט?**

**לערנען** איז א צווייטע זאך. לערנען איז א זאך וואס מען דארף האבן רוהיגקייט דערצו. עס איז דא מענטשן וואס עס שטערט זיי דער הוט בשעת ער לערנט, האט מען נישט מקפיד געווען דערויף. כדי ער זאל קענען לערנען רוהיג, האט מען אראפגענומען דעם הוט. מיט א רעקל איז מען אבער געגאנגען, אפילו מען האט זיך אראפגענומען דעם הוט.

**דער קלויזענבורגער רב ז"ל** האט נישט געקענט סובל זיין קיין הוט אויפן קאפ, עס האט אים ווי געטון צו האבן דעם הוט אויפן קאפ. איך מיין אז סוף ימיו, אפילו דעם טלית, א קליינעם טלית אויפן קאפ האט אים געשטערט, ער האט נישט געקענט דאווענען געהעריג ווען ער האט געהאט דעם טלית אויפן קאפ, ער האט עס אראפגענומען פון זיך. א אונס, ער האט נישט געהאט קיין ברירה, ער דארף אזוי דאווענען וכדומה. זיי זאגן, אז ווען מען האט אים אפערירט, האט דער דאקטער געזאגט, אז ער פארשטייט נישט ווי אזוי ער האט עס אדורכגעטראגן. ער האט געהאט אזעלכע קאפ-וויי שטענדיג, אז ער האט נישט געקענט פארשטיין, ווי אזוי ער האט דאס געקענט אדורכטראגן.

**דאס** איז אלעס געווען ביים לערנען, לערנען האט מען געזעהן ערליכע יודען צדיקים וואס האבן געלערנט אן א הוט. דער **סאטמארער רב ז"ל** האט געלערנט אן א הוט, ער האט אראפגענומען דעם הוט בשעת ער האט געלערנט. נישט שטענדיג, אבער אין זמנים. אבער צום דאווענען, צו זאגן א דבר שבקדושה וכדומה, הכון לקראת אלקיך.

*

- ל"ו צדיקים שבדור -

**וואס איז דער תכלית פון די ל"ו צדיקים אין יעדן דור, ווען מען ווייסט נישט ווער זיי זענען?**

**עס** איז נישט דא קיין ל"ו צדיקים וואס מען ווייסט נישט ווער זיי זענען. נישט יעדער ווייסט וואס זיי זענען. יעדער ערליכער יוד האט א געוויסע קבוצה ארום זיך וואס זענען מקבל פון אים.

**צדיקים** האבן געזאגט, אז די ל"ו צדיקים וואס זענען גלויים קען מען אויך נישט. מען מיינט אז מען קען זיי, זיי זענען מער נסתרים, פון וויפיל מען קען זיי. עס מוז נישט זיין נסתר, אז ער גייט מיטן שטאפנעם הוט, און אזוי דינט ער דעם אייבערשטען. די וואס מען קען, זענען אויך נסתרים.

*

- תאוות האכילה -

**וואס איז תאוות אכילה, און וואס איז נישט תאוות אכילה?**

**אכילה** איז דער טייטש ווען א מענטש עסט, ווייל ער דארף עסן, ער דארף עסן פרישטאג און מיטאג און נאכטמאל. און ווען מען גיט א גוטן אייזקרי"ם נאכדעם, איז עס תאוות אכילה. איך זאג נישט אז מען טאר נישט עסן קיין אייזקרים שפעטער, אבער דו פרעגסט וואס איז אכילה און וואס איז תאוות אכילה? א זאך וואס א מענטש דארף נישט האבן צו זיין לעבן, און ער עסט עס נאר ווייל זיין הארץ גליסט עס צו עסן, דאס איז תאוות אכילה.

**מיר** זענען נישט אויסגעארבעט צו זיין אין הימל, אונז האב מיר אלע תאוות אכילה. איינער אויף א קלענערע מדריגה, און איינער אויף א גרעסערע מדריגה. יעדער מענטש לפי ערכו דארף פראבירן צו מאכן גדרים וסייגים פאר זיך. עס איז נישט קיין הלכות, עס איז נישט קיין זאך וואס מען קען ארויפלייגן אויף יענעם. מען קען עס נישט אראפשרייבן אויף א פעיפער וואס יא און וואס נישט. יעדער דארף וויסן אז עס איז דא אזא ענין, אז יעדע זאך וואס דער מענטש גליסט, און ער דארף עס נישט האבן, וואס ער קען זיך מונע זיין דערפון.

**מען** קען נישט זאגן אז עס איז דא א געוויסע זאך וואס א מענטש קען נישט עסן. אסאך מאל דארף ער עסן, אסאך מאל טוט עס אים גרינגער מאכן זיין סעודה, ער דארף עסן א קאלטע זאך שפעטער. מען קען נישט זאגן אז מען טאר דאס נישט טון. עס האט גדרים וואס ער קען טון, און וואס ער קען נישט טון.

*

- לימוד התורה לשמה, ועבודת ה' בלי פניות -

**ווי אזוי איז מען זוכה צו תורה לשמה?**

**תורה** לשמה איז זייער א גרויסע מדריגה, און זייער ווייניג מענטשן זענען זוכה צו תורה לשמה. אבער עס איז נישט נוגע פאר אונז. מיר זענען זייער ווייט פון תורה לשמה, הלוואי זאל מען האלטן ביי תורה שלא לשמה. די גמרא (פסחים נ:) זאגט, לעולם דארף א יוד לערנען תורה שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה. דער תנא האט אונז גרינג געמאכט דעם גאנצן לערנען. אונז דארף מיר שטענדיג לערנען תורה. עס איז נישט נוגע צו לשמה, צו שלא לשמה. און אז עס איז שלא לשמה, וואס איז דער חילוק? דו דארפסט לערנען תורה שלא לשמה אויך. חז"ל זאגן נאר, אז

ווען דו וועסט לערנען אסאך תורה שלא לשמה, וועסטו צוקומען צו א געוויסן זמן וואס דו וועסט לערנען תורה לשמה. אבער עס איז נישט נוגע פאר אונז יעצט, צו איך לערן יעצט תורה לשמה צו נישט, דאס וועט מען דיר ענטפערן אויבן אין הימל. מיר דארפן זיצן און לערנען. יא, תורה שלא לשמה, ווייל שמתוך שלא לשמה בא לשמה. אונז קען מיר נישט אנקומען צו לשמה, לשמה איז א געוואלדיגע מדריגה, א מענטש זאל נישט האבן קיין שום זייטיגע פניה.

**עס** איז היינט די יארצייט פונעם **פני מנחם זצ"ל**. עס שטייט אין די צעטליך (גליון בנאות דשא), אז דער פני מנחם האט פארציילט, אז ער איז קיינמאל נישט אוועקגעפארן פונעם פאטער, עס איז אים נישט אויסגעקומען וואו ער זאל קענען אוועקפארן פונעם פאטער. איינמאל איז דער פאטער געפארן אויף אטוואצק, [דאס איז געווען א פלאץ ווי מען האט זיך אפגערוהט], און דאס איז געווען די ערשטע מאל וואס ער איז אוועקגעגאנגען פון גור אויף אטוואצק. ער איז געווען א יונגל די ערשטע מאל אין די פרעמד, און עס איז געווען דארט נאך א חסיד וואס האט אויך מיטגעברענגט זיין יונגל אהין אויף אטוואצק, און זיי זענען געווען צוויי יונגלעך צוזאמען.

**דער** יוד וואס האט מיטגעברענגט דאס יונגל, זעהט אויס איז געווען א דערהויבענער יוד. האט דער פני מנחם פארציילט, אז ער האט געהערט ווי דער פאטער זאגט פאר דעם יונגל, זאלסט וויסן טאטע'לע, אז ווען מען פארט צו א רבי, פארט דער בעל דבר מיט צוזאמען. פרעגט אים דאס יונגעלע, און ווען מען גיט א קוויטל פארן רבי'ן, איז אויך דער בעל דבר דארט? זאגט דער טאטע, יא. אז מען גיט א קוויטל פארן רבי, קומט אויך מיט דער בעל דבר. פרעגט דאס יונגעלע ווייטער, און ווען דער רבי ליינט די קוויטל, איז אויך דער בעל דבר דארט? זאגט ער, ניין. אז דער רבי ליינט די קוויטל, איז דער בעל דבר נישט דארט.

**האט** דער פני מנחם געזאגט, איך האב מיך געוואונדערט, וואס הייסט אז ווען מען פארט צו א רבי, פארט דער בעל דבר מיט צוזאמען. און איך האב עס אמאל איבערגעזאגט פאר מיין ברודער פארן **בית ישראל**, וואס איך האב געהערט אלץ קינד פון דעם חסיד. האט דער בית ישראל געזאגט, אוי ווי געגרעכט ער איז געווען... האט דער בית ישראל עס אזוי מסביר געווען, ווען ער פארט צו זיין רבי, טראכט ער ווי אזוי ער זאל קענען געפעלן פאר זיין רבי. וואס זאל ער קענען ארויסווייזן פון זיך עפעס א דבר טוב, אז דער רבי זאל אים שעצן, און דער רבי זאל אים אנערקענען. דאס מיינט אז דער בעל דבר פארט מיט, ווען ער פארט צו זיין רבי. ווען ער גיט א קוויטל פארן רבי, טראכט ער וואס זאל איך אריינשרייבן אינעם קוויטל, אז דער רבי זאל טראכטן אויף מיר אז איך בין עפעס א חשוב'ער יוד וכדומה. איך זאל רעדן קודם פון רוחניות, נאכדעם פון גשמיות, וכדומה. דער בעל דבר פארט מיט, מיט א מענטש, וואו ער גייט און וואו ער שטייט, איז דער בעל דבר צוזאמען מיט אים. אבער ווען דער רבי ליינט די קוויטל, דער רבי איז א צדיק, ער קוקט נישט אויף די אלע זאכן ארום און ארום. אבער אונז פשוטע מענטשן, ביי אונז איז אלעס שלא לשמה.

**ווען** איך קום אריין אין בית המדרש, איך וויל מען זאל מיך אנקוקן ווי א פשוטער יוד? איך וויל מען זאל מיך אנקוקן ווי דער רב אין בית המדרש. ווער איז דארט, דער בעל דבר! יעדער מענטש, ווען ער קומט אריין אין בית המדרש, ער וויל אויסקוקן ווי דער ויזתא אין בית המדרש? ניין, ער וויל אויסקוקן ווי ער איז פון די חשובע יונגעלייט דא אין בית המדרש. ווער איז דארט? דאס איז דער בעל דבר. - דער חלק שלא לשמה איז דא, ער דרייט זיך ארום ביי א יוד. אין יעדע זאך וואס ער טוט ברבים, איז דא א חלק פון שלא לשמה.

**דער** יצר הרע לייגט זיך אריין אין אלעם. ווען א רב קומט אריין אין בית המדרש, ער וויל טאקע אז ער זאל זיין דער רב דא. און ער טראכט ביי זיך, עס איז דאך עפעס שלא לשמה, עס פאסט נישט. נאכדעם טראכט ער אבער, הא, ווען דו וועסט זיין מכובד, וועלן יודען מער מקבל זיין וואס דו זאגסט, וכדומה. דער בעל דבר איז אזוי קלוג, ער לייגט אריין די גאנצע תורה, אין יראת שמים און אין ערליכקייט וכדומה. - דאס איז דער תורה שלא לשמה. יא, ווען דו לערנסט תורה, און דו ביסט נישט אויסגעארבעט. מען דארף זיין אויסגעארבעט, אבער עס טאר אונז נישט שטערן, אונז דארפן מיר טון. לעולם ילמוד אדם תורה שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה. אונז דארפן מיר טון, אפילו שלא לשמה.

**א׳ מהנוכחים: מען טאר נישט חונף זיין דעם רבי?**

**מען** מעג חונף זיין, ווען די כוונה איז לשם שמים, כדי דער רבי זאל דורכדעם מיט אים מער לערנען, דער רבי זאל זיך מיט אים מער מתעסק זיין, פיין. אבער איך זאל געפעלן פאר אים, נישט איך וויל באקומען עפעס, איך בין שוין אויבן. אויף דעם ארויף האט ער ארויסגעברענגט די נקודה.

*

**- חיוב השתדלות בפרנסתו -**

**וויפיל איז דער חיוב השתדלות וואס א מענטש דארף טון.**

**דער** חיוב פון השתדלות איז, יעדע זאך וואס ער דארף האבן בדרך הטבע, איז ער מחוייב משתדל זיין, טון די גאנצע השתדלות וויפיל מען קען, צוצוקומען צו דעם בדרך הטבע. למשל, א מענטש דארף פארדינען טויזנט דאלער א וואך, אזויפיל דארף ער האבן פאר זיין פרנסה. איז ער מחויב צו טון אזא השתדלות, וואס די השתדלות קען אים ברענגען טויזנט דאלער. אויב דער השתדלות וואס ער טוט, קען אים נישט ברענגען מער ווי פינף הונדערט דאלער, האט ער נישט יוצא געווען זיין חיוב השתדלות. אויב ער טוט אזא השתדלות וואס עס קען אים ברענגען וויפיל ער דארף צו האבן, און עס האט אים נישט געברענגט, דארט הערט זיך אויף די חיוב פון זיין השתדלות.

**ווען** א מענטש ארבעט אויף די שעות, און ער קען נישט פארדינען מער ווי צוואנציג דאלער א שעה, און ער דארף טויזענט דאלער א וואך, איז ער מחויב צו ארבעטן אזויפיל שעות וואס ברענגט אים טויזענט דאלער א וואך. ער קען נישט זאגן, איך וועל ארבעטן די האלבע צייט. די האלבע צייט וועסטו נאר פארדינען פינף הונדערט דאלער, און דו דארפסט טויזענט. ווען א מענטש האט אבער א געוויסן ביזנעס וכדומה, ער האט אריינגעלייגט אזויפיל כח אין די ביזנעס, אז דער ביזנעס קען אים ברענגען זיין פרנסה וויפיל ער דארף צו האבן, האט ער יוצא געווען זיין חיוב השתדלות.

**א** מענטש קען נישט זאגן, מיר זענען נישט אזוי ווי דער **בעל שם טוב** וואס האט געגעבן א קלאפ אויפן פענסטער, ער האט געטון זיין השתדלות, און דער באשעפער וועט אריינשיקן וואס ער דארף צו האבן. השתדלות פון פרנסה איז, וויפיל א מענטש קען ארויסנעמען פון די סארט ארבעט, וואס ער דארף האבן פאר זיין פרנסה.

*

**- דור דור ודורשיו -**

**א מנהיג ישראל וואס האט אונטער זיך טויזענטער חסידים, און יעדער חסיד קען נישט האבן מיטן רבי׳ן א פריוואטען מהלך פאר זיין לעבן, מעג ער גיין צו א צווייטען רבי אויך?**

**יעדער** מענטש מעג האבן צען רבי׳ס אויך. עס איז נישט דא קיין הלכה אז מען דארף האבן איין רבי אויף די וועלט. ווען א מענטש שפירט, אז דא קען ער נאר באקומען כך וכך, און ערגעץ אנדערש קען ער באקומען מער, דארף ער טון וואס ער קען, וואו ער קען באקומען נאך, דארף ער קונה זיין. עס האט נישט קיין שיעור צו זאגן, א מענטש איז נישט אראפגעבינדן צו איין געוויסע זאך און נישט מער.

**עס איז דא א ענין צו האבן נאר איין רבי?**

**אמאליגע** צייטן איז עס געווען א ענין, על כל פנים מען האט עס געהאלטן אפשר פאר א ענין. אבער היינטיגע צייטן, קלאר אז נישט! וואו ער קען עפעס מקבל זיין, דארף ער פרובירן מקבל צו זיין. עס איז נישט דא די נקודה וואס איז געווען אמאל. אמאליגע רבי׳ס זענען געווען אנדערש, אמאליגע חסידים זענען געווען אנדערש, היינט איז עס נישט קיין חילוק.

*

אחר כך עברו הקהל לקבל כוס של ברכה, ופרצו הקהל בשירת וימלא משאלותינו, והמשיכו בריקודי שירה וזמרה למשך כחצי שעה. קרוב לשעה שש, ברן יחד כוכבי בוקר, יצא **רבינו שליט״א** מבית המדרש לקול שירת ימים על ימי מלך תוסיף וכו׳.

**אשרי עין ראתה גילנו, דיצת קהלינו,**
**וכהן גדול עומד ומשרת, דורו ראו ושמחו.**